YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv03i20

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 3 Issue 20
May 1921

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 3, Iss. 20)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/96

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, ו). און מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. III. No. 20. — New York, Friday, May 13, 1921. פרייטאג, דעם 13טען מאי, — PRICE 3 CENTS

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 20.

זייט 2. די וואך. — מאקס ד. דעניש. שלוסען פון דער ערשטער זייט.

זייט 3. צוויי מיטינגען פון דזשוינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן. — ל. לאנגער.

זייט 4. די אויפקלערונג און בילדונגס־ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל. — פאניא מ. קאהן. אויס ז'עם לעבען פון די פרויען קליידער ארבייטער אין שיקאגא. — ה. סקולמאן.

זייט 5. די לעצטע פאסירונגען אין איטאליע. — אירא וו. בוירד. די טעטיגקייט אין די אפיסעס פון דזשוינט באארד אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע. — מ. ק. מאקאוו.

זייט 6. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען. — בריף פון מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס.

זייט 7. אין סטייבעל (א בילד). — חיים קאזשדאן. דער עלענד (געדיכט). — מ. פערעלמוטער.

זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.

זייט 9. וואס קאן ווערען פון די אידישע „העבר" אין „אונזער" ארץ ישראל? — אן אלטער סאציאליסט.

זייט 10. צום אנדענקען פון אן עדעלען מענש און פרייהייטס־קעמפער. — ל. פינקעלשטיין. קום ארויס אין פעלד, געליבטע (פעליעטאן). — י. ארלער.

זייט 11. דער דריטער אינטערנאציאנאל. — ש. ראבינאוויטש. קורצע שמועסען.

זייט 12, 13, 14, 15 און 16. אדווערטייזמענטס.

נאך אלץ די זעלבע אומבאשטימטע לאגע אין דער קלאוק אינדוסטרי

דריי קאנפערענצען שוין אפגעהאלטען. — א פערטער קאנפערענץ דערווייל אפגעלייגט. — די באריכטען פון פרעזידענט שלעזינגער און דזשענעראל מענעדזשער פיינבערג אויפ'ן לעצטען מיטינג פון דזשאינט באארד.

דריי קאנפערענצען זיינען שוין אפגעהאלטען געווארען צווישען דער קלאוקמאכער יוניאן מיט דער „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן", אבער די לאגע אין דער אינדוסטריע איז נאך אלץ די זעלבינע, ווי פריהער, איידער די קאנפערענצען האבען זיך אנגעפאנגען. לעצטען דינסטאג אווענד, דעם 10טען מאי, האט געזאלט אפגעהאלטען ווערען א פערטער קאנפערענץ, אבער דער צווייטער צד האט מאנטאג ביינאכט דעם קאנפערענץ דערווייל אפגעלייגט. ווי עס הייסט, האט די „וויס ענד מינס קאמיטע" פון דער פראטעקטיוו אסס'ן אויף דינסטאג אבענד איינגערופען א מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון דער אסאסיאיישאן, אום זיך צו בעראטען מיט וועלכע באשטימטע פארשלאגען צו קומען צום נעקסטען קאנפערענץ.

לעצטען שבת האט דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן געהאט א באזונדערס שעהנעם מיטינג, אויף וועלכען עס האט זיך געפיהלט די ערנסטקייט פון מאמענט און די מעכטיגקייט פון דער יוניאן. דער מאמענט איז זיכער א גאנץ ערנסטער, אבער קיינער שרעקט זיך ניט... די יוניאן איז גוט פארבארייטעט צו אלץ, וואס קאן זיך מאכען. איז גרייט צו באגעגענען יעדער ארויספאדערונג מצד די באלעבאטים. די קלאוקמאכער יוניאן איז א גוט דיסציפלינירטע קאמפס־ארמיי, שוין אן אויסגעפרובירטע, וועלכע איז שוין געווען אין איינינע גרויסע שלאכטען און האט יהרע שלאכטען קיין מאל ניט פארלארען. איז, אלזא, ניטא וואס זיך צו שרעקען און קיינער שרעקט זיך טאקע ניט. מען ווארט גאנץ רוהיג אויף די ווייטערע ענטוויקלונגען.

פרעזידענט שלעזינגער און דזשענעראל מענעדזשער י. פיינבערג, האבען אויף דעם מיטינג אפגעגעבען א פולען באריכט פון די פארהאנדלונגען אויף די קאנפערענצען מיט די פארטרעטער פון דער אסאסיאיישאן.

צום ערשטען האט גערעדט ברודער פיינבערג. ער האט איבערגעגעבען וואס ס'איז פארגעקומען אויף די קאנפערענצען אין אלגעמיינע שטריכען.

פרעזידענט שלעזינגער האט זיך אפגעשטעלט אויף אלע איינצעלהייטען. ער האט איבערגעגעבען, ווי צו יעדען קאנפערענץ קומען די מאנופעקטשורערס מיט די זעלבינע פארלאנגען, כאטש די קאמיטע פון דער יוניאן האט שוין אויף די פונקטען געענטפערט אויף א פריהערדיגען קאנפערענץ, און באוויזען דעם צווייטען צד, אז די יוניאן קאן עס ניט נאכגעבען, און אז דאס וואלט איבערהויפט ניט געהאלפען אפצושאפען די איבלען אין דער אינדוסטריע, וואס די באלעבאטים זיינען אויסען אפצושאפען. שלעזינגער'ס רעדע איז געווען קלאר און פארשטענדליך און האט אויף אלעמען געמאכט א טיעפען איינדרוק. ער האט איבערגעגעבען די לאגישע און שטארקע ארגומענטען, וואס די קאמיטע פאר דער יוניאן האט געברויכט אפצושלאגען די ארגומענטאציע פון די באלעבאטים פאר זייערע פארלאנגען. דיעזע

(שלוס אויף זייט 2).

א אינדזשאנקשאן געגען אונזער אינטערנעשאנאל פון א נייעם סארט

נאך אנדערע אינדזשאנקשאן נייעס.

צו פארלאנגען אן אינדזשאנקשאן קעגען אונזער אינטערנעשאנאל איז שוין מעהר קיין נייעס ניט. דאס איז שוין, אזוי צו זאגען, א טעגליכע פאסירונג. דאס איז אבער אלץ גערעדט, מכוח די אינדזשאנקשאנס פון דעם אלטען סארט, וועלכער פארלאנגט צו פארווערען פיקעטען א שאפ, וואס איז אין סטרייק.

די וואך אבער איז אונזער אינטערנעשאנאל אנגעקלאגט געווארען אין סופרים קאורט אויף א נייער קלאגע, מען פארלאנגט געגען איהר אן אינדזשאנקשאן פון א נייעם סארט. אן אינדזשאנקשאן, ווי עס ווערט באריכטעט אין די „ניו יארק טיימס", וואס איז ענליך צו דער באוואוסטער „דופלעקס מאשין קייס".

די זאך איז אזוי:

קאהען, פרידלענדער און מארטין פון טאלידא, אהייא, האט באשעפטיגט ארום 350 קלאוקמאכער. די פירמע האט ניט געקאנט דורכקומען מיט די ארבייטער, און האט זיי אלע אויסגעשלאסען פון דער ארבייט. די קלאוקמאכער יוניאן פון טאלידא האט אויף דעם געענטפערט מיט א סטרייק געגען דער פירמע. דאס האט פאסירט מיט מאנאטען צוריק, נאך פאר דעם לעצטען סיזאן.

איצט קלאגט אן יענע פירמע אונזער אינטערנעיישאנאל; זי באהויפטעט אין דער קלאגע, אז דא אין ניו יארק זיינען אנגעפיהרט געווארען סטרייקס קעגען די שעפער, וואס האבען געמאכט ארבייט פאר איהר, און אז דורך די סטרייקס אין ניו יארק איז געשטערט געווארען איהרע ביזנעס אין טאלידא.

די קייס איז אויפגענומען געווארען פון ריכטער מעקאוו־', פון סופרים קאורט. ער האט ארויסגעגעבען דער פירמע א דערווייליגען אינדזשאנקשאן און האט געארדערט א „הירינג" אויף דעם פרייטאג, וואו די יוניאן וועט קאנען פארלייגען איהר צד און דער ריכטער וועט דאן ענטשיידען, צו דער אינדזשאנקשאן בלייבט אין קראפט אדער ניט.

עס בלייבט, אלזא, צו זעהן, וואס די ענטשיידונג פון דעם ריכטער וועט זיין אין דער קייס.

דעם מאנטאג אין דער פריה איז פארגעקומען נאך אן אינדזשאנקשאן קייס געגען אונזער אינטערנעשאנאל. די לאס מאנופעקטשורינג קאמפאני, וואס האט א דרעס שאפ אין 153 מעדיסאן עוועניו, האט דורך איהר לאיער געפאדערט אן אינדזשאנקשאן, עס זאל דער יוניאן פארווערט זיין צו פיקעטען דעם שאפ. דער שאפ פון דער פירמא איז איינער פון יענע שעפער וואס זיינען נאך אין סטרייק, אלס אן איבערבלייבעניז פון דעם לעצטען גענעראל־סטרייק אין דער דרעס און ווייסט אינדוסטריע.

די קייס איז פארגעקומען אין סופרים קאורט פאר ריכטער דזשאן וו. מעקאוועי

(שלוס אויף זייט 10)

פארשרייבט זיך אין די יוניטי הויז פון די ווייסט און דרעסמאכער

די יוניטי הויז עפענט זיך דעם 17טען דזשון מיט א גרויסער אונטערהאלטונג

מאנטאג דעם 17־טען דזשון, עפענט זיך די רעדזשיסטריישאנס פאר דער יוניטי הויז פון אונזערע ווייסט און דרעסמאכער, אין פארעסט פארק, אין די „בלויע בערג" פון פענסילוואניא, לעבען דעם „דעלאווער וואטער געפ."

וועגען דער יוניטי הויז האבען מיר שוין א סך געשריבען. אבער עס איז נאך דא צו שרייבען און צו שרייבען.

מיר האבען נאך לעצטען זומער אנגעמערקט, אז דער נאמען „יוניטי הויז" פאסט זיך ניט פאר דעם פלאץ. דאס איז א סך מעהר ווי א הויז, עס איז א גאנצע אימעניע. עס איז א גאנצע קייט מיט הייזער און קאטעדזשעס, ארומגערינגעלט ארום די הויפט גרויסע בילדינג, מיט אלע לעצטע אימפּרואוומענטס, פון א מאדערנעם שטאטישען האטעל. און דיעזע אימפּרואוומענטס זיינען דא ניט בלויז אין דער הויפט בילדינג, זיי זיינען דא אין יעדען קאטעדזש, אין יעדער הויז פון די אלע הייזער און קאטעדזשעס וואס רינגלען ארום די הויפט בילדינג. וואלט דיזער פּראכטפולער פלאץ נים איינגעשטאנען אין די הענט פון א יוניאן, וואלט דיזער פלאץ באלאנגט צו פּריוואט־אייגענטימער, וואלטען ארבייטער אפילו ניט געחלומ'ט דארט צו פארברענגען דעם וואקיישאן.

און אזוי איז דאך דאס טאקע געוועזן. דער פלאץ האט עקזיסטירט פאר צענדליגער יאהרען, איז געוועזן אן אריסטאקראטישער זומער פלאץ פאר די רייכע, און אין די ארבייטער קרייזען האט מען איהם נארניט געוואוסט. די רייכע מאנופעקטשורערס אין דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע האבען גע געוואוסט פון דעם פלאץ — זיי פלעגען שיקען אהין זייערע פאמיליען פאר'ן זומער — אבער די ארבייטער האבען [illegible]

די איינציגע ארבייטער וואס זיינען אמאל געקומען אהין זיינען געווען די דיענער, די וואס זיינען געקומען אהין באדיענען די רייכע „דאמען און הערען." קיין ארבייטער איז אבער ניט געקומען אהין זיך אויסרוהען, צו זיין דארט אלס א גאסט און געניסען פון דעם גאנצען לוקסוס, און פון דער רייכקייט, און שענקייט פון יענער פּראכטפולער אומגעבונג. דאס איז פאר די ארבייטער מעגליך געווארען נור דערמאלט, ווען די ארבייטער אליין, דורך זייער קאאפעראציע, האבען איבערגענומען דעם פלאץ פון די קאפּיטאליסטען.

לעצטען זומער האט דער פלאץ באלאנגט צו לאקאל 25, איצטער בעלאנגט עס צום דזשוינט באארד אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע, דאס הייסט, צו די אלע לאקאלס וואס שטעלען צוזאמען דעם באארד. דער פלאץ האט, אלזא, באקומען א ברייטערען באלעבאס און וועט דעם זומער געפיהרט ווערען אויף א ברייטערען מאסשטאב. עס איז דער וואונש פון דער פארוואלטונג אז דיעזען זומער זאל דער פלאץ זיין פול מיט געסט דעם גאנצען סיזאן. דער פלאץ וועט זיין אפען פאר די מיטגלידער פון אלע לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל אין ניו יארק.

צו דער ערעפענונג, ווי שוין געזאגט, וועט דארט געגעבען ווערען א גרויסע אונטערהאלטונג, מיט בעוואוסטע טאלאנטען פון ניו יארק. נעקסטע וואך וועלען מיר שוין קאנען פארעפענטליכען א טייל פון דער פּראגראם. א סך מענשען וועלען געווים וועלען זיין צו דער עפענונג און עס איז ווינשענסווערט איהר זאלט זיך גלייך רעדזשיסטרירען, אין 16 וו. 21טע סטריט, רום 6.

אלזא, פארלירט ניט די געלעגענהייט צו זיין צווישען די ערשטע וואס וועלען זיך רעדזשיסטרירען.

קלאוקמאכער יוניאן פון לאס אנדזשעלעס שיקט הילף פאר די אמאלגאמייטעד סטרייקערס

קלאוקמאכער בלייבט ניטע יוניאן־לייט, וואוהין דער שיקזאל זאל זיי ניט פארטרייבען.

די קלאוקמאכער יוניאן פון לאס אנדזשעלעס, לאקאל 52, איז ניט קיין גרויסע, זי קאן ניט זיין גרויס, ווייל דארט איז ניטא קיין סך קלאוק שעפער. אבער וויפיל ארבייטער עס ווערען באשעפטיגט ביי מאכען קלאוקס, זיינען זיי אלע אין דער קלאוקמאכער יוניאן און דער טרייד איז דארט 100 פּראצענט ארגאניזירט. [illegible]

גוטע, א שטארקע און א טעטיגע, און יענע יוניאן רופט זיך אפ אויף אלע יוניטיגע פראגען.

דיעזע יוניאן האט פאלשטענדיג דורכגעפיהרט דעם באשלוס פונ'ם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, מכח די צוויי שטונדען ארבייט פאר די אמאלגאמייטעד סטרייקער. די ארבייטער פון יענע קלאוק־שעפער האבען געגעבען זייערע 2 שטונדען ארבייט מיט דער זעלבינקייט ווילינגקייט ווי עס האבען גענומען די קלאוק־

(שלוס אויף זייט 2).

$1,000,000

(איין מיליאן דאלאר)

באלוינונג

די באקאנטע פ. לארילארד קאמפאני האט זיך דערוואוסט דאס א קלאנג ווערט פארשפרייט אין ניו יארק סיטי אז מר. הענרי פארד איז א בעאמטער, אדער א דירעקטאר, אדער אמווייניגסטען א גרויסער סטאק האלדער פון דיזער קאמפאני. אויף אזא אופן האט הענרי פארד, הייסט עס, אויסגענוצט זיין איינפלוס אויף דיזער קאמפאני אז זיי זאלען מאכען אן אויסנאהם מיט אידען וואס ארבייטען אין איהרע פאבריקען און געשעפט אבטיילען.

דיזער קלאנג איז א מיאוס'ער ליגען

כדי אלעמען צו באווייזען דעם אמת פון אונזערע באהויפטונגען, אפערען מיר צו געבען פאר די אידישע מלחמה קרבנות אויף יענער זייט ים, א סומע פון $1,000,000 אויב עמיצער וועט באווייזען אז מר. פארד איז ווען עס איז געווען אדער איז איצט, א בעאמטער, אדער דירעקטאר פון דיזער קאמפאני, אדער אז מר. פארד האט ווען עס איז אויסגענוצט אדער האט געקענט אויסנוצען זיין איינפלוס אויף דיזער קאמפאני, ווי אזוי די פאבריקען און געשעפטען פון דיזער קאמפאני זאלען געפירט ווערען.

מר. הענרי פארד איז ניט איצטער, און איז קיינמאל ניט געווען קיין בעאמטער, אדער קיין דירעקטאר פון דיזער קאמפאני און ער פארמאגט אויך ניט און האט קיינמאל ניט פארמאגט קיין איין איינציגע שער אין די סטאק פון דיזער קאמפאני.

פ. לארילארד קאמפאני

Thomas J. Maloney

פרעזידענט.

אפריל דעם 29טען 1921

מאנופעקטשורערס פון

עניפשאן דיעטים · מוראד · מאגולס

העלמארס · טורקיש טראפיס · בעטווין-די-אקטס

ראיאל בענגאלס · פלעקסא דושיענטס · דושעס ראוז

יוניאן לידער טאבאקא · סענסיישאן טאבאקא

און פיעלע אנדערע אל-באקאנטע ברענדס

צוויי מיטינגען פון דזשוינט באארד

דער ספעשעל מיטינג.

טשערמאן, ברודער פינקאווסקי, ביים עפענען דעם מיטינג, ערקלערט, אז דער ספעשעל מיטינג איז גערופען געווארען מיט דעם צוועק צו פארהאנדלען דעם בריעף, וועלכען די מאנופעקטשורערס האבען געשיקט דער יוניאן, איינלאדענ־דיג די פארטרעטער פון די קלאוקמא־כערס צו א קאנפערענץ. דער בריעף לעזט זיך ווי פאלגט:

„דזשענטעלמען: —

איך ווינש צו ציהען אייער אויפ־מערקזאמקייט צום פאקט, דאס א פאל־שטענדיגע איבערקערעניש אין די עקא־נאמישע צושטענדע אין דער קלאוק און סוט אינדוסטריע האט גענאט אויף דער אינדוסטריע א שטארקע ווירקונג, און די עקזעקוטיוו קאמיטע פון די קלאוק, סוט און סקוירט מאנופעקטשורערס פראטעק־טיוו אססאסיאיישאן, אין די אינטערע־סען פון די מעמבערס, האט געמאכט א גענויען שטודיום פון די פונדאמענטאלע אורזאכען, וועלכע האבען דעם צושטאנד געשאפען, מיט'ן צוועק צו באשטימען וואס עס איז נויטיג צו טאן, כדי צו ברענגען די אינדוסטריע צוריק צו א נארמאלען צושטאנד.

די שליסע, צו וועלכע די עקזעקוטיוו־קאמיטע איז געקומען, זיינען אין קורצען, דאס אן אויפלעבונג פון די ביזנעס, אז ביידע, די באלעבאטים און די ארבייטער, זאלען באקומען א פאסענדע באלוינונג פאר זייערע אנשטרענגונגען, קאן דער־גרייכט ווערען נאר דורך פארקלענערען די פרייזען פאר די קויפער; דאס דער פובליקום וועט ניט קויפען קיין קליידער, ביז וואנען דיזע קליידער וועלען ניט גע־מאכט און פארקויפט ווערען פאר צו־גענגליכע פרייזען; דאס די הויכע וויי־דזשעס און די ניט גענוגענדע פראדוקטי־וויטעט פון די ארבייטער מאכט הויך די פרייזען (אויף די גארמענטס) און די עק־זעקוטיוו קאמיטע איז איבערצייגט, דאס אויב די סיטואציע וועט ניט גיך און אינטעליגענט באטראכט ווערען, וועט אין דער אינדוסטריע איינטרעטען נאך א גרעסערער שטילשטאנד, וואס וועט איהר שטעלען אין אן ערנסטער געפאהר.

„האנדלענדיג לויט דיזע שליסע, האט די עקזעקוטיוו קאמיטע אנגענומען א רעזאלוציע, וועלכע איז איינשטימיג אנגענומען געווארען פון דער גאנצער מעמבערשיפ, דאס די „וויים ענד מינס" קאמיטע ווערט געגעבען די פולע מאכט צו פארמולירען און דורכפיהרען א פלאן פאר אן אלגעמיינע רעאדזשאסטמענט פון די ארבייטס־צושטענדע. די רעזאלו־ציע לעגט ארויף די גאנצע פאראנט־ווארטליכקייט אויף דער „וויים ענד מינס קאמיטע".

„אלס דעם ערשטען שריט צו פאר־ווירקליכען די צוועקען, וואס ווערען ארויסגעשטעלט אין דער רעזאלוציע, האט די „וויים ענד מינס קאמיטע" געפונ־נען פאר נויטיג אייך צו לאזען וויסען די פליכטען, וואס זיינען אויף איהר ארויפ־געלעגט געווארען, און אייך צו געבען א געלעגענהייט צו האבען א קאנפערענץ מיט אונזער קאמיטע, מיט'ן צוועק צו שאפען מיטעל פאר דער פארריכטונג פון די איצטיגע אומנארמאלע צושטענדע.

„אויב איהר זייט אויפגעלעגט צו באגעגענען אונזער קאמיטע מיט'ן צוועק צו פארריכטען די צושטענדע, ווי עס איז דא באמערקט געווארען, וועלען מיר זיין גרייט אייך צו באגעגענען אין א פלאץ, וואס זאל זיין אנגענעהמבאר פאר ביידען, און אין וועלכער צייט איהר וועט אויס־קלייבען אין די נעקסטע פאר טעג.

„זעהר איבערגעבענסט אייערע,
די קלאוק און סקוירט מאנופעק־טשורערס פראטעקטיוו אסס'ן,
לואיס לוסטיג,
טשערמאן עקזעקוטיוו קאמיטע".

די איינלאדונג צו א קאנפערענץ ווערט אנגענומען.

טשערמאן, ברודער פינקאווסקי, אינ־פארמירט ווייטער, אז „די קאמיטע אן אימידיאייט עקשאן" האט פארבערייטעט אן ענטפער צו די מאנופעקטשורערס, וועלכער ווערט גוטגעהייסען.

דער בריעף לעזט זיך ווי פאלגט:

„עקזעקוטיוו קאמיטע קלאוק, סוט און סקוירט פראטעקטיוו מאנופעקטשו־רערס אסס'ן,
220 פיפטע עוועניו, ניו יארק,
לואיס לוסטיג, טשערמאן.

ווערטהער הער: —

די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן און דער דזשאינט באארד פון דער קלאוק, סקוירט, דרעס און ריפער מייקערס יוניאנס באאויפ־טראגען אונז אייך צו מעלדען, אז מיר האבען ערהאלטען אייער בריעף פון דעם 22טען ד. מ., אין וועלכען אייער אסאסי־איישאן לאדעט אונזערע יוניאנס צו א קאנפערענץ, אום צו דיסקוטירען מאנכע „פיטשורס" אין די קאנדישאנס פון אונ־זער אינדוסטריע. מיר האבען ערוועהלט א קאנפערענץ קאמיטע זיך צו טרעפען מיט אייער קאמיטע [illegible]

[illegible]

זשמענטס מיט אייך וועגען דער צייט און פלאץ פאר דעם באשטימטען קאנפערענץ.

„מיר זיינען פאלשטענדיג איינפאר־שטאנען מיט אייער מיינונג, אז קליידער זאלען מאנופעקטשורט און פארקויפט ווערען פאר צוגענגליכע פרייזען, און נעהמען אויך אן דעם פרינציפ, וואס איז אויסגעדריקט אין אייער בריעף, אז „ארבייטס־געבער און ארבייטער זאלען ארויסקריגען א פאסענדע באלוינונג פאר זייערע אנשטרענגונגען. מיר זיינען אבער געצוואונגען ענטשידען ניט איינ־צושטימען מיט אייער אסאסיאיישאן, אז די הויכע ווײדזשעס און די ניט־פראדוק־טיוויטעט פון די ארבייטער זיינען די אור־זאכע פון די עקזיסטירענדע הויכע פריי־זען אויף קליידער. די ווײדזשעס, וואס די ארבייטער אין אונזער סיזאן־אינדוס־טריע מאכען אין דורכשניט, זיינען קוים גענוג אויף צו מאכען א לעבען, לויט די לעבענס־סטענדארדס אלס אמעריקאנער ארבייטער.

אייער סטייטמענט, אז די ארבייטער אין אונזער אינדוסטריע זיינען ניט גענוג פראדוקטיוו, איז אין אונזער מיינונג צו אלגעמיין און צו אונקלאר. עס קומט אויס, אז מאנכע ארבייטס־געבער דענקען נאך אין טערמינען פון יענער צייט, ווען אין אונזער אינדוסטריע האט געהערשט די אלטע סיסטעם פון שטיק־ארבייט, אין וועלכער עס זיינען געווען געצוואונגענע און ניט נארמאלע סטענדערדס פון פרא־דוקציאן, — א סיסטעם, וועלכע ביידע צדדים האבען זיך איינפארשטאנען עס אויפצוגעבען אין מאי, 1919, דערפאר ווייל זיי האבען אנערקענט, אז דאס איז געווען אן איבעל. אונזערע יוניאנס הא־בען אלע מאל געהאלטען, אז עס איז די פליכט פון די ארבייטער צו געבען אן עהרליכען טאג ארבייט פאר אנשטענדיגע ווײדזשעס און וועלען מיט צופרידענהייט קאאפערירען מיט אייך אין יעדען יושר'־דיגען און שכל'דיגען פארזוך דורכצופיה־רען דיזען פרינציפ.

ערווארטענדיג, אז דער רעזולטאט פון אונזער פארגעשלאגענער קאנפערענץ וועט זיין א גוטער פאר די ארבייטס־גע־בער און פאר די ארבייטער אין אונזער אינדוסטריע, בלייבען מיר

מיט רעספעקט, אייערע,
אינטערנעשאנאל לײדיס גאר־מענט ווארקערס יוניאן,
ב. שלעזינגער, פרעזידענט.
דזשאינט באארד קלאוק, סקוירט, דרעס און ריפער מייקערס יוניאנס
י. פיינבערג,
דזשענעראל מענעדזשער.

נאך דעם, ווי ביידע בריעף ווערען פארגעלעזען, ווערט באשלאסען דאס פרע־זידענט שלעזינגער, די ברידער פיינבערג, פינקאווסקי און דובין און אלע לאקאלע מענעדזשערס זאלען זיין אין דער קאנפע־רענץ־קאמיטע.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלא־סען.

* * *

באארד און דירעקטארס באריכט.

מיטינג אפגעהאלטען אפריל 20, 1921.

עס ווערען אויפגענומען קאמיטעס.

ברודער גאלדבערג, אן ארבייטער פון נאבעל און גארדאן, אינפארמירט, דאס ער איז צוויי טעג אין סטרייק, און ער פארלאנגט, אז די יוניאן זאל איהם געבען בענעפיטס. זיין פארלאנג ווערט צוריקגע־וויזען.

א קאמיטע פון דער דעזיינערס יוניאן פארלאנגט, אז דער דזשאינט באארד זאל זיך פאראינטערעסירען אין דער לאגע פון די דעזיינערס. די קאמיטע ערקלערט, דאס איינפאלס עס וועט קומען צו א צוזא־מענשטויס צווישען דער יוניאן מיט די מאנופעקטשורערס, זאל די יוניאן שטעלען די פאלגענדע פאדערונגען פאר די דעזיי־נערס:

1. יעדער מאנופעקטשורער זאל בא־שעפטיגען א יוניאן דעזיינער.
2. א דעזיינער זאל ניט טאן קיין אנדער זאך, ווי נאר דעזיינינג.
3. א מינימום ווײדזש פון 85 דא־לאר א וואך זאל עטאבלירט ווערען פאר דעם דעזיינער.

אין צוזאמענהאנג מיט דיזער קאמי־טע שיקט אויך דער לאקאל א צושריפט.

דער פארלאנג פון די דעזיינערס ווערט איבערגעגעבען צו די דזשענעראל אפיסעס.

ניסנעוויץ, דער מענעדזשער פון דעם אינדעפענדענט־ און ריפער דעפארטמענט, שיקט אריין זיין רעזיגניישאן, ערקלערענ־דיג, דאס צוליעב קראנקהייט אין זיין פא־מיליע איז ער געצוואונגען צו רעזיגנירען.

זיין רעזיגנאציאן ווערט אנגענומען, און עס ווערט באשלאסען איהם צו געבען צוויי וואכען וואקיישאן.

דזשענעראל מענעדזשער'ס באריכט:

ברודער פיינבערג באריכטעט וואס אנ־באלאנגט דעם טרייד זיינען קיינע טרא־בעלס נאך נים פארגעקומען. עס זיינען פאראן געוועהנליכע קאמפליינטס, וועלכע ווערען אטענדעט ביי די אפיסערס אהן שוועריגקייטען.

וועגען דעם ריפער און אינדעפענדענט [illegible]

אנגעשטעלט אלס מענעדזשער אויף דעם פלאץ פון ברודער ניסנעוויץ, און ברודער פיין זאל ווערען דער קאמפליינט קלערק פון דעם פראטעקטיוו אפיס אויף דעם פלאץ פון ברודער סלוצקי.

די גאנצע פראגע ווערט איבערגעגע־בען צו ברודער פיינבערג מיט פולע מאכט צו האנדלען.

א רעגולאר מיטינג פון דעם דזשאינט באארד ווערט אפגעהאלטען שבת, דעם 7טען מאי, 1921.

די פראטאקאלען פון דעם לעצטען מי־טינג פון דעם 16טען אפריל און פון דעם ספעשעל מיטינג פון 26טען אפריל, ווערען פארגעלעזען און גוטגעהייסען.

דער באריכט פון די באארד און די־רעקטארס ווערט פארגעלעזען און די רעקאמענדיישאן צו געבען ניסנעוויץ'ן צוויי וואכען וואקיישאן, ווערט צוריקגע־וויזען.

א קאמיטע פון די „פאראייניגטע מע־טאל ארבייטער פון אמעריקא" אינפאר־מירט, דאס זייער א מעמבער מיט דעם נאמען סארקין, וועמענס פאטער איז אן אקטיווער יוניאן מעמבער אין לאקאל 9, איז זעהר קראנק, און זיי פארלאנגען, אז דער דזשאינט באארד זאל שטיצען זייער אונטערנעהמונג, וועלכע זיי האבען אראנ־זשירט צו גונסטען דעם קראנקען ברודער.

דער פארלאנג ווערט איבערגעשיקט צו דער פינאנץ קאמיטע.

א. פלעגלער, א מעמבער פון לאקאל 35, פארלאנגט, אז דער דזשאינט באארד זאל איהם ערלויבען צו ארבייטען פאר דער פירמע זיזער, 59 איסט 9טע סטריט.

ברודער סאמער, דער ביזנעס אייד־זשענט פון דעם דיסטריקט, ערקלערט, אז ער האט דעם ברודער ארונטערגענומען פון דעם פלאץ פאר די פאלגענדע אורזאכען:

1. דער ברודער האט אין דעם פלאץ געארבייט פון שטיק.
2. דער ברודער איז געגאנגען ארביי־טען אין דעם פלאץ, ניט אכטענדיג, וואס די פירמע האט נאך ניט געהאט געסעטעלט מיט דער יוניאן. דער פארלאנג פון דעם ברודער ווערט צוריקגעוויזען.

עס ווערען פארגעלעזען צושריפטען.

סעקרעטער לאנגער אינפארמירט, דאס ער האט געשיקט א טעלעגראפישע באגריסונג צו דער קאנווענשאן פון דעם ארביי־טער רינג אין'ם נאמען פון דעם דזשאינט באארד. די האנדלונג פון דעם סעקרעטער ווערט גוטגעהייסען.

די סינסינאטער קלאוקמאכער בא־דאנקען אונזער דזשאינט באארד פאר דער מאראלישער שטיצע, וועלכע זי האט געגע־בען זייער א פארטרעטער, וועלכער איז געווען אין ניו יארק, אין צוזאמענהאנג מיט דעם סטרייק, וועלכען זיי האבען גע־פיהרט אין סינסינעטי געגען דער פירמע בישאף, סטערן און שטיין.

ברודער עטקין, א מעמבער פון לאקאל 1, און ברודער קאופמאן, א מעמבער פון לאקאל 11, שיקען אריין זייערע רעזיגנא־ציעס אלס אפיסערס פון דער יוניאן. זייע־רע רעזיגנאציעס ווערען אנגענומען.

לאקאל 11 פארלאנגט, דאס דער דזשאינט באארד זאל אינסטרואירען לא־קאל 9 ניט צו משפט'ן מעמבערס פון זייער לאקאל. דער לאקאל פארלאנגט, אז קלא־געס געגען מעמבערס פון לאקאל 11 זא־לען איבערגעשיקט ווערען צו דער גרי־ווענס קאמיטע פון דעם דזשאינט באארד. דער פארלאנג ווערט גוטגעהייסען.

לאקאל 21 פראטעסטירט געגען דעם, וואס דער דזשאינט באארד האט ניט גע־רופען זייער אפיסער צו פארטרעטען די נוארקער קלאוק־מאכערס ביי דער קאנפע־רענץ צווישען דער יוניאן מיט די מאנו־פעקטשורערס.

דער סעקרעטער ווערט אינסטרואירט צו שיקען אן ענטפער צו דעם אויבענדער־מאנטען לאקאל, ערקלערענדיג, אז אזוי ווי דער לאקאל באשטעהט ניט פון קיין ספע־ציעלען טרייד, נאר פון אפרייטארס, פי־נישערס און פרעסערס, דארום האט מען ניט גערופען קיין פארטרעטער פון דעם לאקאל, ווייל די אויבענדערמאנטע טריידס ווערען רעפרעזענטירט דורך פארטרעטערס פון די לאקאלס 1, 9 און 35.

עס ווערט אפגעגעבען דער פינאנץ־באריכט:

די פינאנץ־קאמיטע רעקאמענדירט, דאס די סענטראל טרייד און לייבאר קאונ־סיל זאל געשטיצט ווערען מיט 25 דאלאר אין איהר קאמף געגען די אפען־שאפ מואוומענט.

די פינאנץ־קאמיטע באריכטעט וויי־טער, אז „די ניו יארק קאלל" האט זיך גע־ווענדעט פאר אן אדווערטייזמענט פאר דער ספעציעלער אויסגאבע, וועלכע די אויבענדערמאנטע צייטונג גיט ארויס צו איהר אניווערסארי. די פינאנץ־קאמיטע רעקאמענדירט, דאס דער דזשאינט באארד זאל געבען איין אכטעל פיידזש אדווער־טייזמענט.

די פינאנץ־קאמיטע באריכטעט אויך, דאס ברודער פרעס, א ביזנעס אייד־זשענט, איז קראנק, און מען דארף איהם אוועקשי־קען, אויב ער זאל צוריקגעווינען זיין גע־זונט. די פינאנץ קאמיטע רעקאמענדירט, דאס די דזשאינט באארד זאל דעם ברו־דער שטיצען מיט 200 דאלאר.

אלע רעקאמענדיישאנס פון דער פי־נאנץ קאמיטע ווערען גוטגעהייסען.

עס ווערט אפגעגעבען דער באריכט פון דער קאנפערענץ קאמיטע.

ברודער פיינבערג, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דעם דזשאינט באארד, באריכטעט, דאס די יוניאן האט געהאט עטליכע קאנפערענצען, און פארלויפיג איז נאך ניט דא קיין באשטימטעס צו באריכ־טען. אויף אלע קאנפערענצען, וואס זיי־נען אפגעהאלטען געווארען, האבען די מא־נופעקטשורערס געהאלטען אין איין פאר־לאנגען, דאס די ווײדזשעס זאלען רעדו־צירט ווערען, די שטונדען זאלען פאר־לענגערט ווערען, און די מאנופעקטשו־רער זאלען האבען די פרייהייט ארונ־טערצושיקען ארבייטער.

פרעזידענט שלעזינגער, וועלכער איז אויף די קאנפערענצען געווען דער הויפט רעדנער פאר דער יוניאן, גיט אן איבערבליק איבער דער גאנצער לאגע. ער באלייכט די גאנצע אנגעלעגענהייט, און גיט איבער די אלע לאגישע ארגו־מענטען, וואס די קאמיטע פון דער יוניאן האט געברויכט אפצושטרייטען די טענות פון צווייטען צד. ער ערקלערט אויך, אז די יוניאן פארטרעטער וועלען ניט טאן קיין זאך אהן דער צושטימונג פון דעם דזשאינט באארד און אהן די מעמ־בערס.

דער באריכט און די האנדלונג פון די יוניאן פארטרעטער ווערט איינשטימיג גוטגעהייסען.

מיט דעם ווערט דער מיטינג גע־שלאסען.

ל. לאנגער, סעקרעטער.

בר. לענטש אפגעפארען אין לאס אנדזשעלעס

ברודער דזש. לענטש, פון מאנטרעאל, קאנאדא, איז פאר פיעלע יאהרען געווען א בעאמטער פון דער דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין מאנ־טרעאל, און ער האט זיך זעהר באליבט געמאכט ביי די מיטגלידער פון דער יוניאן. ער האט אימער געטאן זיין פולע פליכט, איז כסדר געווען אריינגעטאן אין דער ארבייט מיט לייב און לעבען און זיין ארבייט פאר דער יוניאן איז פון אלעמען ריכטיג אפגעשאצט געווארען.

צוליעב א קראנקהייט אין זיין פא־מיליע איז ער געווען געצוואונגען צו פאר־לאזען מאנטרעאל און פאהרען נאך קאלי־פארניע. ער האט אויסגעקליבען צו בא־זעצען זיך אין לאס אנדזשעלעס. די יוניאן האט עס נאטירליך שטארק בא־דויערט. דאס איז אויסגעדריקט געווא־רען אין א רעזאלוציע פון דזשאינט באארד וואס איז געווען געדרוקט אין די „גערעכ־טיגקייט" מיט א פאר וואכען צוריק.

די וואך איז ברודער לענטש אפגע־פאהרען נאך לאס אנדזשעלעס. מאנטאג איז ער געווען אין ניו יארק, ער איז גע־ווען אין אפיס פון אונזער אינטערנעשא־נאל, אין די רעדאקציע פון דער „גע־רעכטיגקייט", און האט זיך מיט אלעמען געזעגענט, — אלע האבען איהם געוואונ־שען א הארציגען פאר־געזונט.

מיר ווייסען ניט גענוי וואס ברודער לענטש וועט אין לאס אנדזשעלעס טאן. איינס אבער איז זיכער, טאמער וועט ער בלייבען אין קלאוק טרייד, וועט די קלאוק־מאכער יוניאן דארט באקומען אין איהם א וויכטיגע קראפט, א געטרייען קעמפער פאר די אינטערעסען פון די ארגאניזירטע ארבייטער.

מיר ווינשען איהם א גליקליכע רייזע.

לײדיס טיילארס, סעמפעל מייקערס און אלטעריישאן ארבייטער לאקאל 3
אויפמערקזאם!
א רעגולאר
ברענטש מיטינג
פון די
לײדיס טיילארס און אלטעריישאן אר־ ־טער
וועט אפגעהאלטען ווערען
דינסטאג, דעם 17טען מאי,
אום 6 אוהר שארפ
אין לארעל גארדען
75 איסט 116טע סטריט
ביי דיזען מיטינג וועט די עקזע־קוטיוו באארד פארלעגען א פלאן פון לאקאל עלעקשאנס, ווי אויך א רעקא־מענדיישאן פון דזשוינט באארד ווי אנצושטעלען ביזנעס אייגזשענטס וועט דיסקוטירט ווערען און עס איז זעהר וויכטיג, אז אלע מעמבערס זאלען די־זען מיטינג אטענדען.
עקז. ב. לאק. 3
ס. שאמצבערג, סעק.

די וואך
פון מאקס ד. דעניש.

ארבייטסלאזיגקייט וואקסט.

דער אלגעמיינער איינדרוק, אז ארבייטסלאזיגקייט אין לאנד האט זיך פארקלענערט אין דעם משך פון די לעצטע עטליכע וואכען, איז ניט באגרינדעט אויף פאקטען. די ציפערען, וואס דער דעפארטמענט אוו לייבאר האט פארעפענטליכט לעצטע וואך, באווייזען, אז אין מאנאט אפריל זיינען געווען פיעל מעהר ארבייטסלאזע, ווי אין מערץ.

פון דעם באריכט פון לייבאר דעפארטמענט געפינען מיר אויס, אז פון די 53 אינדוסטריעלע צענטערען אין די מזרח שטאאטען, איז אין 28 די צאהל באשעפטיגטע געפאלען, און בלויז אין 25 — געשטיעגען. אין דער וועסט איז די צאהל באשעפטיגטע שטארק געפאלען, צוליעב דעם שטילשטאנד אין דער שיפבוי און געהילץ אינדוסטריען.

די לאגע אין ניו יארק איז זעהר א שלעכטע. צוליב דער ארבייטסלאזיגקייט, דענקט דער לייבאר דעפארטמענט, איז דער מאנגעל אין וואוינונגען ניט פארקלענערט געווארען אויף אזוי פיעל, ווי מען האט געמעגט ערווארטען. די אייזענבאהנען און אנדערע טראנספארטאציאנס־ליניען אין ניו יארק סטייט באשעפטיגען נאך אלץ א פיעל קלענערע צאהל ארבייטער, ווי פריהער, און עס ווערט אלץ שווערער און שווערער צו קריגען א דזשאב.

דער באריכט ווייזט, אז 1424 פירמעס אין פארשידענע טיילען פון לאנד האבען אין מאנאט אפריל פארקלענערט די צאהל באשעפטיגטע אויף העכער 7 טויזענד. זייט יאנואר איז די צאהל באשעפטיגטע אין די זעלבע פירמען פארקלענערט געווארען אויף 50 טויזענד. די צאהל ארבייטלאזע איז אומגעפעהר גלייך פארשפרייט אין דער שטאל אינדוסטריע, די געוועב און לעדער אינדוסטריען, אויטאמאביל, ראבער, צוקער און כעמישער אינדוסטריע. אין פיעלע שטעדט איז די בוי אינדוסטריע אין א שטיל־שטאנד צוליעב די הויכע פרייזען אויף בוי־מאטעריאלען, צוליעב דער אלגעמיינער געדריקטער לאגע און צוליעב די שכירות־סכסוכים, וואס ריהרען אן א גרויסע צאהל ארבייטער.

א. פ. אוו ל. איז פאר קאאפעראטיוון.

אן אינטערעסאנט שטיקעל נייעס איז די טעג געקומען פון סינסינעטי, וואו דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אמעריקאן פעדערייש׳אן אוו לייבאר האלט איצט אפ זיצונגען, אויף וועלכע עס ווערט צוגעגרייט דער באריכט צו דער יעהרליכער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל., וואס וועט אפגעהאלטען ווערען אין דענווער, קאלאראדא, קומענדען דזשון. דער קאונסיל וועט רעקאמענדירען, אז די פעדערייש׳אן זאל געבען איהר פולע שטיצע צו דער קא־אפעראטיווער באוועגונג, וועלכע האט שוין געמאכט גרויסע געווינסען אין די צענטראלע שטאאטען. עס זיינען אויסגעארבייט געווארען באשטימטע פלענער, ווי אזוי די ארבייטער יוניאנס זאלען גרינדען קא־אפעראטיווע געזעלשאפטען און אזוי ארום קאנען ווירקזאם באקעמפען דעם יקרות און פראפיטירונג. עס איז נאך צו פריה צו פאראויסזאגען, וואס פאר א שטעלונג די קאנווענשאן וועט נעהמען צו די דאזיגע פלענער, אבער ס׳איז דערפרעהענד צו וויסען, אז דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער א. פ. אוו ל. האט ענדליך באשלאסען, אז די פעדערייש׳אן זאל נעהמען א טיכטיגען אנטייל אין דער קאאפעראטיווער באוועגונג.

די ביישפילען פון ענגלאנד, בעלגיום, איטאליע און זאגאר רוסלאנד זיינען שוין א לאנגע צייט געווען פאר די אויגען פון די ארגאניזירטע אמעריקאנער ארבייטער, אבער ביז אהער האט מען ווייניג גענאסען און געלערענט פון די ערפאלגען פון דער קאאפעראטיווער באוועגונג אין יענע לענדער. קאאפעראטיווען קאנען און דארפען זיין א וויכטיגער הילפס־מיטעל אין דעם טעגליכען קאמף פון די אמעריקאנער ארבייטער פאר ערטרעגליכע לעבענס־באדינגונגען. דער אמעריקאנער ארבייטער קלאס באזיצט מעהר איניציאטיווע, ענערגיע און פעהיגקייטען צו דערגרייכען דאס, וואס ארבייטער פון אנדערע לענדער האבען שוין דערגרייכט אויף דעם דאזיגען געביט. דער שרעק אז די קאאפעראטיווע באוועגונג וועט אבציהען די ארבייטער׳ס ענערגיע פון זייערע מעהר דרינגענדע קאמפען איז נישט א בעגרינדעטער. די קאאפעראטיווע באוועגונג איז, קאן זיין, און דארף זיין, אן ארגאנישער טייל פון דעם אלגעמיינעם ארבייטער קאמף פאר א בעסער לעבען.

צענטראלע ארבייטער קערפערשאפט וועט אונטערזוכען דעם בילדינג קאונסיל

דער „סענטראל טריידס ענד לייבאר קאונסיל" פון ניו יארק האט לעצטע וואך באשלאסען צו אונטערזוכען די ארגאניזאציאנס־פארם פון דעם ניו יארקער „בילדינג טריידס קאונסיל" אום „אויסצוגעפונען אויב יענער קאונסיל איז ארגאניזירט אין איינקלאנג מיט די פארערונגען פון דעם „בילדינג־טריידס דעפארטמענט" פון דער א. פ. אוו ל. און אויב ער האט אנגעפיהרט זיינע טעטיגקייטען אין אנקלאנג מיט די פונדאמענטאלע כללים פון א טרייד יוניאניסטישער ארגאניזאציע.

דער דאזיגער באשלוס איז געפאסט געווארען אויף דער איניציאטיווע פון דער פיינטערס' יוניאן, וועלכע בריגדעל האט געהאט אויסגעשלאסען פון דעם קאונסיל. די קאמיטע, וואס וועט מאכען די אונטערזוכונג, וועט די טעג באשטימט ווערען פון דעם פרעזידענט פון דער צענטראלער קערפערשאפט, און זי וועט האבען פול מאכט צו רעארגאניזירען דעם „בילדינג טריידס קאונסיל" אויף דעמאקראטישע יסודות.

די ניו יארקער ארבייטער באוועגונג האט לאנג גענוג געווארט אויף אזא אונטערזוכונג. די פאסירונגען אין פערלויף פון די לעצטע עטליכע חדשים, די שענדליכע זאכען וואס זיינען אויפגעדעקט געווארען אין דער לאקוואוד אונטערזוכונג האבען קלאר געמאכט פאר אלעמען אז מען מוז אומבאדינגט מאכען א טיכטיגע ריינינגונג אין דעם „בילדינג טריידס קאונסיל." די שענדליכע לאגע אין די בילדינג טריידס ווערט גאנץ ריכטיג כאראקטעריזירט אין דער רעזאלוציע אין פארבינדונג מיט דעם באשלוס צו אונטערזוכען דעם קאונסיל. „דער בילדינג טריידס קאונסיל" ווערט דארט געזאגט, „איז געווען קאנטראלירט פון די מעכטיגע „באסעס" און קליקס און איז געווען א געפאר פאר דער ארבייטער באוועגונג בכלל און פאר די ניו יארקער בוי־ארבייטער בפרט."

מיר האפען, אז די אונטערנומענע אונטערזוכונג וועט זיין א גרינדליכע און אז פערזענליכע אדער אנדערע מאטיווען וועלען ניט אפהאלטען די אונטערזוכער פון אויפדעקען און צונעגלען צום שאנד־קלאץ די אלע פערזאנען און גרופען, וואס האבען פארלעצט די פונדאמענטאלע פרינציפען פון ארבייטער יוניאניזם. דאס גאנץ לאנד וועט פרייער אויפאטעמען, ווען די ניו יארקער ארבייטער באוועגונג וועט ענדליך אפווישען דעם שטאנד פלעק, וואס בריגדעל און זיין קליקע האבען אויף איהר ארויפגעלייגט.

אמעריקאנער רביים זיינען פאר יוניאניזם.

אין דעם שטראם פון אנטי־יוניאן פראפאגאנדא, וואס פארפלייצט דאס לאנד פון איין עק ביז דעם אנדערן, איז עס ווירקליך ערפרעהענד צו הערען דא און דארט א מוטיגע שטים, וואס פארטיידיגט די ארבייטער באוועגונג. מיר האבען שוין אין דיזע שפאלטען אמאל בעריכטעט ווי די נאציאנאלע קאטוילישע ארגאניזאציע איז ארויס מיט א מוטיגען פראטעסט געגען דער „אפען שאפ" באוועגונג, פארדאמענדיג די דאזיגע באוועגונג אלס דעם ערגסטען מין שעדליכע פראפאגאנדא. לעצטע וואך האט די קאנפערענץ פון די אמעריקאנער רביים, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין וואשינגטאן, געקומען אן עהנליכע שטעלונג צו דער דאזיגער פראגע און האט זיך אויסגעדריקט צו גונסטען פון קאלעקטיווער פארהאנדלונג.

די פראפאגאנדא, וואס ווערט איצט אנגעפיהרט געגען די יוניאנס און געגען קאלעקטיווער פארהאנדלונג, האבען די רביים פארדאמט מיט די פאלגענדע ווערטער:

„די קאנפערענץ איז מיט דער מיינונג, אז די שטירצונג פון די לייבאר יוניאנס וואלט געפיהרט צו א צוזאמענברוך פון דעם גאנצען בנין פון אינדוסטריעלען שלום און ארדנונג, וועלכע רוהען אויף דער ארבייטער יוניאן אלס הויפט יסוד. אהן דער יוניאן וואלטען די ארבייטער געווען א קרבן פון דעם לאנגען ארבייטס־טאג, ניט־גענוגענדע שכירות און עהנליכע אומגערעכטיגקייטען. אונטער דער איצטיגער ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפט איז די יוניאן די איינציגע שוץ, וואס באשיצט דעם ארבייטער פון די אוממענשליכע לעבענס באדינגונגען פון שמאל".

דער שטאל טראסט שניידט שכירות, הויבט אן דעם 12־שטונדען טאג.

לעצטע וואך איז געקומען די לאנג ערווארטעטע פארקלענערונג אין שכירות פון די עטליכע הונדערט טויזענד ארבייטער פון שטאל טראסט. ריכטער גערי, דער טשערמאן פון דער „סטיל קארפארייש׳אן", האט געלאזט וויסען, אז דעם 16טען מאי וועלען די שכירות פון אלע באשעפטיגטע אין די פאבריקען פון דער קארפארייש׳אן פארקלענערט ווערען אויף 20 פראצענט. די פארקלענערונג וועט ברייננגען די שכירות צוריק צו דער מדרגה פון די ערשטע חדשים אין 1918.

אט דער מורא׳דיגער קלאפ פאר די שטאל ארבייטער ווערט רעכטפערטיגט דורך דעם, וואס די פרייזען אויף לעבענס מיטלען זיינען כלומר׳שט געפאלען. מען דארף ניט זיין קיין עקאנאמישער עקספערט כדי אויסצוגעפינען, אז פון 1918 ביז היינט האבען זיך די פרייזען אויף לעבענס מיטלען ווייניג וואס געענדערט. די פארקלענערטע שכירות פון די שטאל ארבייטער וועלען איצט באטרעפען, דורכשניטליך, 4 דאלער א טאג. דאס הייסט, אז א גאנצער דאלער א טאג איז ארונטערגעשניטען געווארען. נאך מעהר ברוטאל און אוממענשליך איז די ערקלעהרונג פון ריכטער גערי אז „דער 12־שטונדיגער ארבייטס־טאג מוז דערווייל פארבלייבען אין קראפט" ווייל „צוליעב דער פארקלענערונג פון שכירות וועלען די שטאל ארבייטער נישט זיין צופרידען מיט א קורצערען ארבייטס־טאג."

די לאגיק פון די שטאל מאגנאטען איז ווירקליך אומנאשטרייטבאר. אלס איין ענטפער צו דער אלגעמיינער ענטריסטונג געגען דעם 12־שטונדיגען ארבייטס־טאג נעהמט דער שטאל טראסט און שניידט ארונטער די שכירות צו אזא נידריגער מדרגה, אז די ארבייטער מוזען ארבייטען לאנגע שטונדען כדי זיך קאנען דערהאלטען ביים לעבען.

צום באדויערען זיינען די ארגאניזירטע ארבייטער איצטער אימשטאנד צו ענטפערען אויף אט דער אטאקע בלויז אויף איין אופן. דער נאציאנאלער ארגאניזאציאנס קאמפיין אין דער שטאל אינדוסטריע וואס די קאמיטע פון דער א. פ. אוו ל. האט ערשט ניט לאנג אנגעפאנגען מוז איצט אנגעפיהרט ווערען מיט דאפעלטער ענערגיע. די ערביטערונג וואס דער שניט אין שכירות האט באשאפען צווישען די ארבייטער האט באשאפען א זעהר פרוכטבארען באדען פאר דעם דאזיגען קאמפיין. גערי איז אינדירעקט געווארען דער בעסטער ארגאנייזער פון די שטאל ארבייטער.

די פינפטע וואך פון דעם ענגלישען מיינער סטרייק

די ענגלישע מיינערס האבען אריינגעטראטען אין דער פינפטער וואך פון זייער קאמף פאר גלייכע שכירות אין אלע קויהלען־מינעס, און דער סטרייק ווערט איצט אנגעפיהרט מיט דער זעלבער ענטשלאסענהייט ווי אין די ערשטע פאר טעג. „נישט אונטערגעבען זיך!" איז געווען דער אלגעמיינער טאן פון אלע מאס־מיטינגען, וואס די ענגלישע מיינער האבען לעצטע וואך אפגעהאלטען איבער׳ן גאנצען לאנד.

אן אויפרוף צו דער גאנצער ארבייטער באוועגונג צו שטיצען די מיינערס איז געמאכט געווארען פון דער געמיינשאפטליכער קאמיטע פון דער „פארלאמענטארער ארבייטער פארטיי" און דער „פארלאמענטארישער קאמיטע פון דעם טרייד יוניאן קאנגרעס". דער אפיל לויטעט אין טייל:

„די מיין־אייגענטימער און די רעגירונג האבען ערקלערט מלחמה געגען די מיינערס. זייער וואפע איז — אויסהונגערען די מיינערס. זייערע ערשטע קרבנות זיינען פרויען און קינדער. זיי האפען אז דער הונגער וועט צווינגען די מיינערס צו געהן צוריק אין די מינען אויף די דיקטירטע באדינגונגען. זיי דענקען אז זיי וועלען דורך הונגער ברעכען דעם מוט פון די ארבייטער און די אייניגקייט אין דער פעדערייש׳אן. די ארגאניזירטע ארבייטער טארען נישט דערלאזען צו אזא זאך. זיי מוזען זיך שטעלען אין קאמף צו פארטיידיגען זייער אייגענע צוקונפט און באלד קומען די מיינערס צו הילף."

די טראנספארט ארבייטער האלטען איצט אפ א קאנפערענץ צו באטראכטען פלענער און מיטלען ווי אזוי צו העלפען די מיינערס. כדי צו פארהיטען, אז קויהלען זאלען נישט אריבערגעפיהרט ווערען נאך ענגלאנד פון אנדערע לענדער, האט די אינטערנאציאנאלע פעדעראציע פון טראנספארט ארבייטער ארויסגעגעבען א פארארדנונג, אז די האלענדישע, פראנצויזישע, בעלגישע, דייטשע און עסטרייכישע ארבייטער וועלען ניט לאדען אדער אויסלאדען קיין שיפען אדער באהנען וואס פיהרען קויהלען נאך ענגלאנד.

נאך אלץ די זעלבע לאגע אין דער קלאוק אינדוסטריע.

(שלוס פון זייט 1).

ארגומענטען זיינען ווירקליך געווען לאגיש און שטארק. זיי האבען ארויסגערופען ענטציקונג פון אלע אנוועזענדע אויף דעם מיטינג פון דזשאינט באארד. ווען ער האט געענדיגט רעדען, האט ער באקומען א גרויסען אפלאז און אלע דעלעגאטען האבען זיך אויפגעשטעלט, אלס א צייכען פון פולער צופריעדענהייט מיט דער ארבייט פון דער קאנפערענץ קאמיטע, און אויך אלס צייכען פון פאלשטענדיגען צוטרויען.

* * *

בעת די שורות ווערען געשריבען, איז נאך ניט באקאנט, וואס דער עקזעקוטיוו באארד פון דער „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן" האט באשלאסען אויף זיין לעצטען מיטינג, און ווען עס וועט פארקומען דער קאנפערענץ, וואס האט געזאלט אפגעהאלטען ווערען לעצטען דינסטאג ביינאכט. עס איז אבער מעגליך, אז ווען דיזע שורות וועלען געלעזען ווערען, זאל שוין דאס אלעס זיין באקאנט דורך דער טעגליכער פרעסע.

קלאוקמאכער פון לאס אנדזשעלעס שטיצען די אמאלגאמייטער סטרייקער.

(שלוס פון זייט 1).

מאכער אין די ניו יארקער שעפער. און יענע קליינע יוניאן האט צוגעשיקט די סומע פון זעקס הונדערט צעהן דאלאר מיט 73 סענט. דאס איז ווירקליך א כבוד פאר לאקאל 52.

אט זיינען די קוויטירונגען פון יענע שעפער, ווי דער סעקרעטער פון דעם לאקאל, ברודער ס. רובין, האט אונז צוגעשיקט:

קוויטירונגען פאר די צוויי שטונדען ארבייט פאר די אמאלג. סטרייקער.

אמעריקאן קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	$42,25
בערמאן קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	15,92
איסטערן קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	9,00
פרידמאן און בערג קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	82,55
גוטערמאן קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	32,25
א. ז. האקעל קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	30,17
אימפעריאל קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	17,25
קאמעציו קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	40,72
קליין און בורגעס	52,60
לידער קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	9,85
מייקעלסאן און דירעקטאר	30,45
מאסקאוויטץ קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	30,05
אסדער און הערשפעלד	35,01
פאסיפיק קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	27,23
פאולאר קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	18,50
סאקס בראס. קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	3,88
דזש. סאקס קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	19,10
שאנער און ווינעצקי	8,25
שווארץ און קא.	38,53
זילבערט קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	27,20
דזש. ספעקטאר קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	26,70
ל. זייד קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	20,60
ווהיטמארש קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	22,00
בעלל קלאוק און סוט מאנופעקטשורינג קא.	18,10
ביזנעס איידזשענט	2,30
טאטאל	610,73

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square. New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. III. No. 20. — New York, Friday, May 13, 1921.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

די לעצטע פאסירונגען אין איטאליע

(ספעציעלע קארעספאנדענץ פון רוים פאר די „גערעכטיגקייט”).
פון אירא וו. בוירד.

די אנגריפע פון די „פאסיסטי” אויף די סאציאליסטען פארמעהרען זיך אין אלע טיילען פון לאנד, און דאס קאן פיהרען צו א בירגער-קריעג אין איטאליע, וואס זאל פאראורזאכען דעם טויט פון טויזענדע מענשען פון ביידע לאגערען. די געשלעגען, וואס קומען איצט פאר אין דער נארד, איז נאך דערווייל אויף א קליינעם מאסשטאב, עס ווערען דער-הרג'עט א פופצען מענשען א וואך פון יעדער זייט. די צאהל איז אזוי קליין, ווייל די „דזשענעראל קאנפעדערישאן אוו לייבאר”, און די סאציאליסטישע פארטיי ווארנען די ארבייטער זיך ניט צו לאזען פראוואצירען פון די „פאסיסטי” געגנס.

די „פאסיסטי” האלט אין איין פראוואצירען די ארבייטער צו א קאמף אין די גאסען, און ווער ווייס וואס פון אזא קאמף קאן ארויסקומען. אין מאנכע פאלען נעהמען די ארבייטער ביטערע נקמה פון די פיהרער פון די „פאסיסטי”, מ'ען הרג'עט זיי און מען פארברענט זייערע הייזער. דאסזעלביגע טוען אויך די רו-ערען מיט די גיטער פון מאנכע פיהרער פון די „פאסיסטי”.

אן אפענער אויפשטאנד קעגען די „פאסיסטי” וואלט געוויס געווען א דורכפאל. די רעגירונג וואלט באלד ארויסגערופען מיליטער און די מיליטער וואלט געוויס זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די „פאסיסטי”. דאס קען מען שוין איצט זעהן. נאך יעדען צוזאמענשטויס פון די צוויי פראקציעס ווערען געמאכט ארעסטען פון סאציאליסטען און מאנכע פון די ארעסטירטע ווערען אנגעקלאגט אין מארד. פון די „פאשיסטי” אבער ווערט קיינער ניט ארעסטירט, אפילו ווען זיי באגעהען די ערגסטע פארברעכענס. מען קאן גלייך זעהן, אז די רעגירונג שטעהט אויף זייער זייט. ווי דער שטיינער איז, די רעגירונג איז אויף דער זייט פון דער רעאקציע.

פאר אן אפענעם צוזאמענשטויס האט מען זיך באזונדערס געשראקען די וואך פון פסח, — דער פסח-זונטאג האט געזאלט מיט זיך ברייגען אן אפענעם ארויסטריט פון די „פאסיסטי” קעגען די סאציאליסטען.

א פאר טעג פאר פסח איז געווארפען געווארען א באמבע אין „דיאנא טעאטער” פון מילאן. 25 פע-זאן זיינען געטויטעט געווארען און ארום 200 זיינען געווארען פארוואונדעט פון דער עקספלאזיאן. מען רעגקט, אז די באמבע האט געווארפען אן אנארכיסט, — אויס ראכע, ווארום די רעגירונג האט פארשפארט אין פריזאן דעם וועלט-בארימטען אנארכיסט, ענריקא מאלאטעסטא, וועלכער, פארביינעהענדיג, האט די לעצטע צייט ערקלערט א הונגער-סטרייק, — ווארום מען האלט איהם אין פריזאן שוין באלד א יאהר צייט אהן אירגענד וועלכען פראצעס. די „פאשיסטי” האט ארגאניזירט א דעמאנסטראציע דעם זונטאג פון דער פסח-וואך, לכבוד די 25 הרוגים פון דער באמבע אין טעאטער, און פאר דיעזער דעמאנסטראציע האבען די ראדיקאלען זיך געשראקען.

אין דער אמת'ען געהט די „פאסיסטי” ניט אן ווער עס האט יענע באמבע געווארפען, זיי ווילען אויסנוצען די פאסירונג קעגען די סאציאליסטען, און קעגען די ארגאניזירטע ארבייטער. דעם פריהמארגען איידער די דעמאנסטראציע האט זיך אנגעהויבען, האט מען געלאזען וויסען דורכ'ן טעלעפאן אין אלע סאציאליסטישע אפיסעס, דאס וויבאלד זיי וועלען יענעם טאג ניט ארונטערציהען די פאהנען אויף א האלבען מאסט, אלס צייכען פון טרויער, וועט מען נאך דער דעמאנסטראציע אטאקירען די אפיסעס. דאסזעלבע האט מען אויך טעלעפאנירט צו דער „קאנפעדערישאן פון ארבייט”, דעם צענטראלען טרייד-יוניאן פארבאנד.

די פאהנען איבער דיעזע אפיסעס זיינען ניט ארונטערגעלאזען געווארען. עס איז גענומען געווארען שריטע זיך צו פארטיידיגען אין פאל אן אנגריף זאל געמאכט ווערען. די הערקוואדערס פון דער סאציאליסטישער פארטיי איז איינפאך פארבאריקאדירט געווארען. די בוך סטאר, וואס געפינט זיך דארט, איז צוגעשלאסען געווארען מיט שווערע אייזערנע טירען, און מיט אייזערנע שטאנגען. אין דער בוך-סטאר געפינען זיך מאסען סאציאליסטישע ביכער און פאמפלעטען, און מען האט מורא געהאט, אז די צווישטע באנדעס זאלען דאס אלעס פארברענגען.

ווען די בויאגעס פון דעם „אמעריקען לידזשאן” האבען געמאכט זייערע אטאקען אין ניו יארק אויף די רענד סקול און די [illegible]

גוט ארגאניזירט, ווי עס זיינען די חברה דא. יענע זיינען געווען באוואפענט מיט שטעקענס און קלאבס, די „פאסיסטי” זיינען באוואפענט מיט רעוואלווערען, און אין זייערע אנפאלען טויטען זיי מענשען. זיי טראגען וואפען, כאטש עס איז דא א געזעץ, אז קיינער טאר מיט זיך אזעלכע וואפען ניט טראגען. הפנים זיי ווייסען, אז דער געזעץ איז ניט פאר זיי געשאפען געווארען. זיי ארעסטירט מען ניט דערפאר. געפינט מען אבער אזעלכע וואפען ביי סאציאליסטען, ווערען זיי שווער באשטראפט פון געזעץ.

אבער יענעם זונטאג האט די „פאסיסטי” דעם סטראשונאק ניט דורכגעפיהרט, די סאציאליסטישע אפיסעס זיינען ניט אנגעגריפען געווארען. ביי דעם ערשטען פארזוך דאס צו טאן האבען זיי באקומען אזא מעכטיגען צוריקשטויס, אז זיי האבען זיך געמוזט צוריקציהען. אויפ'ן וועג האבען זיי אויסגעלאזען דעם כעס צו צוויי אומשולדיגע ארבייטער, א קאנדוקטאר פון א סטריט קאר און א לעטער-קעריער. זיי האבען די צוויי ארבייטער שרעקליך צושלאגען גאר אהן א שום אורזאך, בלויז דערפאר, וואס זיי זיינען ארבייטער! מיט'ן שלאגען די צוויי ארבייטער האבען זיי גענומען נקמה פון דעם גאנצען ארבייטער קלאס. אט אזוי פארביסען איז יענע חברה!..

* * *

די אלגעמיינע קאנפעדעראציע פון ארבייטער אין איטאליע האלט פון גענעראל סטרייק. אבער אזא סטרייק ווערט גערופען בלויז אין לעצטען פאל, ווען עס איז שוין ניטא קיין אנדער ברירה. זי איז מיט אט דעם וואפען גאנץ פארזיכטיג. אין מאנכע טיילען פון לאנד וואלטען איצט די בעלי-בתים גרייליך געוואלט די „קאנפעדעראציע” זאל ערקלערען א גענעראל סטרייק. דאס וואלט געגעבען א געלעגענהייט די רעגירונג ארויסצורופען מיליטער און מאכען א בלוט-באד צווישען די ארבייטער. די בעלי-בתים זיינען דא זעהר אויפגערעגט אויף זייערע ארבייטער און וואלטען דאס וועלען זעהן.

איטאליע מאכט דורך אן אינדוסטריעלען קריזיס, ווי אלע לענדער, וואס האבען זיך באטייליגט אין דער וועלט-מלחמה. מען קאן נאך אליין ניט קומען צו זיך פון דעם חורבן, וואס די מלחמה האט געבראכט מיט זיך, אפילו די לענדער, וואס האבען „געזיגט”. די „קאנפעדעראציע” דענקט דאריבער, אז איצט איז ניט די ריכטיגע צייט צו רופען א גענעראל סטרייק.

די רעאקציאנערע קרעפטען אין לאנד ארבייטען פאר נייע אלגעמיינע וואהלען. זיי דענקען, אז וואהלען אין דעם איצטיגען מאמענט וואלט א סך פארקלענערט די צאהל פון די סאציאליסטישע דעפוטאטען און וואלטען שטארקער געמאכט די רעאקציאנערע פארטייען אין פארלאמענט. און עס קאן זיין, אז זיי וועלען דאס אויספיהרען. עס הערען זיך קלאנגען, אז דער קעניג קלייבט זיך אויפצולעזען דעם פארלאמענט און „ארדערען” נייע וואהלען.

אויב דאס זאל פאסירען, וועט זיין א נייע אורזאכע פאר געשלעגען און הריגות, פאר צוזאמענשטויסען צווישען די פאלקס-מאסען און די „פאסיסטי” צוזאמען מיט די „ראיאל גארדס”, די קייזערליכע גווארדיע. די קאמפיין-מיטינגען פון די סאציאליסטען וואלטען אטאקירט ווערען און פיעלע געשלעגען וואלטען מוזען פארקומען. און עס זיינען די סאציאליסטען, וואס דענקען, אז וואהלען אין דער איצטיגער צייט וואלטען טאקע מיינען א פארלוסט פון סאציאליסטישע דעפוטאטען. אנדערע אבער דענקען פארקעהרט, זיי דענקען, אז דאס פאלק איז אויפגעבראכט קעגען דער בורזשואזיע און נאך מעהר סאציאליסטען וואלטען דערוועהלט געווארען.

די סאציאליסטישע פארטיי האט אין דעם איצטיגען פארלאמענט 132 דעפוטאטען און די קאמוניסטען האבען 19. די קאמוניסטען זאגען, אז ווען נייע וואהלען זאלען איצט געמאכט ווערען, וועלען זיי געווים אויסערוועהלען 40.

עס קאן אבער אויך זיין, דאס וויבאלד נייע וואהלען זאלען איצט געמאכט ווערען, זאלען די סאציאליסטען מיט די קאמוניסטען אין זיי זיך איינגאנצען ניט באטייליגען. זיי וועלען מעגליך, אויס פראטעסט, איינגאנצען באיקאטירען די וואהלען. די סאציאליסטישע פארטיי, צוזאמען מיט דער פעדעראציע פון די ארגאניזירטע ארבייטער, וועלען מעגליך ארויסלאזען א מאניפעסט צום פאלק איבער'ן גאנצען לאנד, אז מען זאל זיך אין די וואהלען ניט באטייליגען.

אנדערע סאציאליסטען דענקען, דאס וויבאלד דער קעניג זאל איצט אויפלעזען דעם פארלאמענט, זאל די פארטיי אויפהויבען אן אגיטאציע געגען דעם קעניג, — עס זאל פון איהם געפאדערט ווערען, ער זאל אפדאנקען און א רעפובליק זאל [illegible] און עס איז דא אין איטאליע א שטארקער סענטימענט פאר די רעפובליק. באזונדערס פאר א סאציאליסטישער רעפובליק. עס איז דאריבער מעגליך, אז דער קעניג וועט זיך גוט איבערלייגען, איידער ער וועט נאכגעבען דעם פארלאנג פון די רעאקציאנערען, אויפצולייזען דעם פארלאמענט און הייסען מאכען נייע וואהלען. נאך אלעם וויל ער דאך ניט פארלירען די קרוין... ווארום דערביי נעהמט מען דאך א גרויסע ריזיקע, — עס טרעפט דאך אמאל, אז מיט דער קרוין פארלירט מען אמאל אויך דעם קאפ. און דעם קאפ פארלירען וויל א קייסער אויך ניט...

לאקאל 17 מאכט א בענעפיט פאר א קראנקען מעמבער.

לאקאל 17, די ריפער מאכער יוניאן, מאכט א טעאטער בענעפיט פאר א קראנקען און אקטיווען מיטגליעד. דער בענעפיט וועט פארקומען דיעזען שבת, מאטינע, אין טהאמאשעפסקי'ס טעאטער. מען וועט שפיעלען „שלמה'קע אויף בראדוויי”, מיט לעבערעוו'ן אין דער הויפט-ראלע און מיט דער מיטווירקונג פון מיכאלעסקאו, בעסי ווייסמאן, זינא גאלדשטיין און די גאנצע קאמפאניע. מען וועט קענען קריגען טיקעטס ביים באקס אפיס אין טעאטער, און די מיטגליעדער פון לאקאל 17 און פון די אנדערע לאקאלס פון דער קלאוקמאכער יוניאן זאלען ניט פארפעלען צו קומען.

קומט העלפען א טעטיגען יוניאן טוער, וועלכער האט געהאלפען בויען די יוניאן, וואס באשיצט אייך איצט געגען די אנגריפען פון די באלעבאטים.

די טעטיגקייט אין די אפיסעס פון דזשוינט באארד פון דרעס און ווייסט אינדוסטריע

אום צו געבען די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט” א באגריף, וואס עס טוט זיך אין די אפיסעס פון אונזער דזשאינט באארד, וועלען מיר פון צייט צו צייט געבען א באריכט וועגען דער ארבייט. הייניטיגס מאל וועלען מיר פארשטעלען ברודער י. הארוויץ, מענעדזשער פון אסאסיאיישאן דעפארטמענט.

צום מיטינג פון באארד אוו דירעקטארס מאנטאג, דעם 9טען מאי, האט ער צוגעשטעלט אן אינטערעסאנטען ראפארט פאר 10 וואכען צייט, אנגעפאנגענדיג מיט פעברואר דעם 19טען ביז אפריל דעם 23טען, 1921.

אין פארלויף פון דער אויבענדערמאנטער צייט האט די יוניאן אריינגעגעבען צו דער דרעס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן 1206 קאמפליינטס, וועלכע ווערען קלאסיפיצירט ווי פאלגט:

19 קאמפליינטס וועגען „דואל סיסטעם” (שטיק און וואך ארבייט אין זעלבען דעפארטמענט).

6 וועגען אונגעזעצליכען בייטען דעם סיסטעם פון ארבייט.

4 וועגען סאב-קאנטראקטינג סיסטעם.

25 וועגען פארלעצונג פון ארבייטס-שטונדען.

130 וועגען פארלעצונג פון ארבייטס לוין.

257 וכוחים וועגען שליכטען פרייזען פאר שטיק-ארבייטער.

3 וועגען אומריכטיג געסעטעלטע פרייזען.

2 פאר ענטזאגען זיך צו אנערקענען די פרייז-קאמיטע.

16 פאר'ן ארונטערנעהמען פון די געסעטעלטע פרייזען.

6 וועגען אן אונרעגעלמעסיגען פיידעי.

3 פאר וואס ארבייט ווערט געמאכט אין טעגעמענט הייזער.

144 דיסטשארדזשעס.

155 פעלע, וואו ארבייט איז געגעבען געווארען צו נאן יוניאן ארבייטער.

33 וועגען שעפער אהן טשערלייט אדער פרייז-קאמיטעס.

3 קייסעס, וואו די ארבייטער זיינען געצוואונגען געווען צו סטאפען.

7 לאק-אוטס.

54 שלעכטע באהאנדלונג ביי דער ארבייט.

95 קליימס פאר געלדער.

22 פאר ניט אויסגעפיהרטע באשליסע.

1 פאל, ווען א באס האט ניט איבערגעגעבען דעם שאפ-טשערמאן א לעטער פון דער יוניאן.

8 וועגען ניט קיין יוניאן קאנדיציאנען אין שאפ.

39 דיסקרימינייישאנס געגען יוניאן ארבייטער.

79 וועגען אונגלייכער צוטיילו. פון ארבייט.

42 פאר פארנאכלעסיגען צו רעדזשיסטרירען די אויסערליכע שעפער.

49 פארשיעדענע קאמפליינטס.

צוזאמען 1206.

אין דעם רעפארט ווערט באוויזען מיט פאקטען, אז מיט גאנץ ווייניגע אויסנאהמען זיינען אלע דיזע קאמפליינטס געשליכטעט געווארען צו גונסטען פון די ארבייטער אין די שעפער.

פאר בעק-פיי און פאר פארלארענער צייט האט דער אפיס איינגעמאהנט די סומע פון 3280.15 דאלאר.

פון די 144 דיסטשארדזש קייסעס זיינען 76 מעמבערס רעאינסטייטעט געווארען, מיט בעק פיי. פאר פארלארענער צייט. 59 קייסעס זיינען צוריקגעצויגען געווארען צוליעב מיספארשטענדניסע צווישען די ארבייטער און באסעס. 4 קייסעס זיינען געשליכטעט געווארען צו גונסטען דער אסאסיאיישאן.

ווי מאנכע פון די קאמפליינטס זיינען אויסגעגליכען געווארען.

די פירמע לייזן דרעס קאמפ. האט פארשפרייט א קלאנג צווישען די ארבייטער, וועלכער האט געמאכט צו גלויבען די ארבייטער, דאס די יוניאן באאמטע זיינען ניט עהרליך. א קלאגע איז געמאכט געווארען געגען דער פירמע, וועלכע איז געפונען געווארן שולדיג און איז באשטראפט געווארען מיט 50 דאלאר, — פאר די מלחמה קרבנות.

א קאמפליינט איז געמאכט געווארען געגען דער קליינמענט דרעס קא., אז א זוהן פון באס, וועלכער ארבייט אלס אן אפרייטאר, האט זיך געכאפט שלאגען, ווען די קלוירקס זיינען ארויפגעקומען אין דעם שאפ. דיעזע פירמע איז באשטראפט געווארען מיט 25 דאלאר, און דער זונדעל טאר מעהר אין דעם שאפ ניט ארבייטען.

דער קאמפליינט געגען מר. מארעצקי פון דער באן-מאן דרעס קאמפ., דאס מר. מארעצקי האט באליידיגט די ארבייטער און אויך א יוניאן פארטרעטער, האט' געבראכט א העסישאן, אז די פירמע זאל באצאהלען 25 דאלאר שטראף, און מר. מארעצקי זאל זיך ניט מישען אין די אנגעלעגענהייטען מיט די ארבייטער.

צוויי קייסעס זיינען אויפגענומען געווארען ביים אונפארטייאישען טשערמאן, נעמליך, געגען דובראו דרעס קא. און די פלאנדערס דרעס קא. ביידע זיינען געשליכטעט געווארען צו גונסטען דער יוניאן.

דורך דער צייט פון נאך דעם סטרייק האבען די ביזנעס אייזשענטס, אויסער אטענדען קאמפליינטס אין די אסאסיאיישאן שעפער, אויך געמאכט 571 וויזיטס אין שעפער, אום אויסצוגעפינען, צו די פירמאס פארלעצען ניט דעם אגרימענט. און צום באדויערן האבען זיי פיעלע מאל אויסגעפונען, דאס די באסעס זיינען ניט נאכגעקומען דעם אגרימענט, און די ארבייטער האבען געשוויגען.

שאפ-מיטינגס.

די רעקארדס אין דעם אפיס ציינען, דאס די ביזנעס אייזשענטס האבען אטענדעט צו 302 שאפ מיטינגס, וועלכע האבען פיעל מיטגעהאלפען אויסגעפונען די קאנדישאנס אין די שעפער, אום צו ברייגען קלאגען געגען געוויסע מאנופעקטשורערס.

וועגען קאטערס.

מאנכע באסעס פארלעצען דעם אגרימענט דורך שניידען אליין די גארמענטס. דער דזשאינט באארד אטענדעט צו דעם, ווי נאר א קאמפליינט ווערט געמאכט. זעלבסטפארשטענדליך, מיט מעהר „קא-אפערייטאן” מצד די ארבייטער, וואלטען מיר אין דער היניזיכט גענקענט פיעל מעהר אויפטאן. ביז יעצט האבען מיר קאלעקטעט 611.50 דאלאר אין שטראפען, פאר פארלעצען דיעזען פונקט פון אונזער אגרימענט.

וועגען עמברוידערי ארבייט.

אונזערע ארבייטער ווייסען, דאס די עמבראידערי מוז געמאכט ווערען אין יוניאן עמבראידערי שעפער, און זיי האבען פיעל מיטגעהאלפען דורכצופיהרען דיעזען פונקט, דאך גלויבען מיר, אז אביסעל מעהר אויפפאסונג מצד די טשערלייטס אויף די עמבראידערי, וואס קומט אריין, אז עס זאל געמאכט ווערען אין יוניאן שעפער, וואלט פיעל מיטגעהאלפען די יוניאן-עמבראידערערס.

דער אסאסיאיישאן דעפארטמענט קאנטראלירט יעצט 632 שעפער, וועלכע ווערען אטענדעט פון די פאלגענדע ביזנעס אייזשענטס: שוועסטער רייך — 65 שעפער; שוועסטער פערר — 61; בר. גוזמאן — 65; בר. פאלל — 62; שוועסטער ארלאנס — 67; בר. לייקוס — 65; בר. סטעל — 71; בר. סארגען — 63; בר. ליבערטי — 56; בר. יעלניק — 57.

דער דזשאינט באארד וועט האבען א קאנפערענץ מיט דער אסאסיאיישאן, אז זי זאל זיין פאראנטווארטליך פאר פיי, וואס עס קומט אונזערע מעמבערס, אין פאל א פירמע ווערט ערקלערט באנקרראט.

מ. ק. מאקאוו, סעקרעטאר.

די אויפקלערונג און בילדונג ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל

פון פאניא מ. קאהען
(סעקרעטערי עדיוקיישאנאל קאמיטע).

א פארטראג, געהאלטען אויף דער קאנפערענץ וועגען ארבייטער בילדונג אין אמעריקא, אין דער „ניו סקול אף סאשיאל ריסוירטש", ניו יארק, אפריל דעם 2טען.

טעטיגקייטען

וואס אנבאלאנגט דער געשיכטע פון אונזער ארבייט, איז כדאי צום אלעם ערשטען ארויסצוברייננגען דעם פאקט, אז זייט 1916, ווען די קאנווענשאן האט באוויליגט 5 טויזענט דאלער א יאהר פאר דעם צוועק צו פארשפרייטען בילדונג צווישען די מיטגלידער פון דער אינטערנעישאנאל, ביז היינטיגען טאג האבען מיר ארגאניזירט דריי הויפט פארמען פון בילדונג טעטיגקייט: 1) די יוניטי צענטערס; 2) דעם ארבייטער אוניווערזיטעט און 3) די עקסטענשאן אפטיילונג.

דער וואוקס פון אונזערע בילדינג טעטיגקייטען

אין 1917 האבען מיר געעפענט צוויי יוניטי צענטערס און אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט מיט א גאנץ באגרענעצטער פראגראם. ביסלאכווייז האט זיך אונזער ארבייט אויסגעברייטעט, אזוי, אז יעצט האבען מיר 7 יוניטי צענטערס און דעם ארבייטער אוניווערזיטעט מיט א ברייטער פארצווייגטער פראגראם.

די יוניטי צענטערס

די זיבען יוניטי צענטערס געפינען זיך אין פאבליק סקול געביידעס אין פארשיידענע טיילען פון שטאדט. אין יעדען יוניטי צענטער ווערען אנגעפירט קלאסען אין ענגליש פאר אנפאנגער, פאר די וואס קאנען אביסעל די שפראך און האי סקול ענגליש. די לערער זיינען באשטימט פונ'ם „איווינינג סקול דעפארטמענט" פון „באארד אף עדיוקיישאן". יעדער יוניטי צענטער האט אן אויפזעהער, א „עדיוקיישאנאל סופערוויזער", וועלכער ווערט באשטימט פון דעם „דעפארטמענט אף קאמיוניטי ענד ריקריאיישאן סענטערס" פון דער „באארד אף עדיוקיישאן".

אונזער אינטערנעישאנאל ארגאנזשירט אומאפהענגיג א רייע קורסען איבער די פאלגענדע געגענשטאנדען: די געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג; טרייד־יוניאניזם; פאליטישע עקאנאמיע; פראקטישע פסיכאלאגיע; געשיכטע פון ציוויליזאציע; ליטעראטור; מוזיק אפשאצונג, א. ז. וו.

אין די יוניטי צענטערס קומען אונזערע מיטגלידער פיער אדער פינף אווענטען א וואך. אזוי ווי די מערסטע פון זיי זיינען אימיגראנטען, איז עס גאנץ נאטירליך, אז די ענגלישע שפראך זאל פארנעמען זעהר א וויכטיגען פלאץ אין אונזער בילדונג פראגראם, אין אונזער אלגעמיינעם פלאן. אומגעפעהר 40 לערער אונטערריכטען אונזערע מיטגלידער אין דער ענגלישער שפראך. מיר מיהען זיך צו מאכען די דאזיגע קלאסען אזוי פראקטיש־נוצליך ווי מעגליך.

איין אווענט א וואך ווערט אין די יוניטי צענטערס אפגעגעבען פאר געזונט און היגיענע. א לעקטשורער, באשטימט פון דער „באארד אף העלטה", באשפרעכט, אין די דאזיגע געזונט-לעקציעס, וויכטיגע פראגען פון היגיעניע אין דער היים, אין שאפ, א. ז. וו. די לעקטשורערס זיינען דאקטוירים. די לעקטשור פארנעמט א שעה צייט; די צווייטע שעה פון אווענט פארברייננגען די סטודענטען אין דער „דזשימנאזיאום", וואו זיי מאכען פיזישע איבונגען אונטער דער לייטונג און אויפזיכט פון קאמפעטענטע לערער.

דער ארבייטער אוניווערזיטעט

אונזער ארבייט אויף דעם געביט פון העכערער בילדונג איז קאנצענטרירט אין דעם ארבייטער אוניווערזיטעט, וואס ווערט אנגעפירט שבת נאכמיטאג און זונטאג אין דער פריה אין דער שעהנער ארטיסטישער געביידע אין וואשינגטאן אירווינג היי־סקול. די קורסען, וואס זיינען אנגעפירט געווארען אין דעם לעהר־יאהר פון 1920—1921 זיינען: טרייד־יוניאן באוועגונג; ארבייטער פראבלעמען; מאדערנע עקאנאמישע ליטעראטור; עקאנאמישע געאגראפיע; פראקטישע פסיכאלאגיע און לאגיק; סאציאלאגיע; ליטעראטור; געשיכטע פון ציוויליזאציע; די ראל פון שטאט אין דער מאדערנער ציוויליזאציע; די רעדנערקונסט, א. ז. וו. אין אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט זיינען דאן 300 סטודענטען געווען.

עס איז דא ווערט צו באמערקן, אז אין די מערסטע פאלען האבען מיר זיך געהאלטען ביים פרינציפ פון „קליינע גרופען". מיר גלויבען, אז דאס לערנען גהעט צו בעסער אין קליינע גרופען, וואו די לערער מיט די שילער ווערען נעהנטער באקאנט.

(פארטזעצונג קומט).

נאטיצען פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

א מיטינג פון אונזער פאקולטעט

לעצטע וואך איז אבגעהאלטען געווארען א מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון דעם אינטערנעשאנאל פאקולטעט אויף וועלכען עס זיינען בעשפראכען געווארען וויכטיגע פראגען, אין באצוג די פראגראם פון דער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט פונ'ם נעקסטען סיזאן.

אויף דעם מיטינג זיינען געוועזן אנוועזענד די פאלגענדע פערזאנען: דר. ל. וואלמאן, גוסטאוו פ. שולץ, מיס עלסי גלוק, פון די וויסטמאכער און אלעקסאנדער פישהאנדלער און מיס פאניא מ. קאהן פון אינטערניישאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

נאך א גענויער איבערלעגונג איז בעשלאסען געווארען צו רעקאמענדירען געוויסע קורסען, וואס לויט זייער מיינונג וועט זיין פון גרויס ווערט פאר די מיטגלידער פון דער יוניאן, אם וועלען זיך באטייליגען אין די קלאסען.

די אוטליינס פון די קורסען

צו דער צופרידענהייט פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, איז זעהר גרויס די נאכפראגע פאר אונזערע אוטליינס. לעצטע וואך איז די נאכפראגע געוועזן אזוי גרויס, דאס מיר האבען געמוזט צודרוקען נאך קאפיעס, און מיר האבען עס געטאן מיט פארגעניגען. מיר זיינען צופרידען צו דרוקען אזוי פיעל קאפיעס ווי עס וועט נור נויטיג זיין. דער פארלאנג פאר די אוטליינס איז א גוטער סמן, אז אונזערע מיטגליעדער פאראינטערעסירען זיך אלץ מעהר מיט דער עדיוקיישאנאל ארבייט פון אונזער יוניאן. דאס ווייזט אויך, אז די קורסען וואס מיר האבען געגעבען דעם סיזאן האבען אויסגענומען ביי דעם עולם.

די אוטליינס זיינען א גרויסע הילף פאר די סטודענטען וואס האבען באזוכט אונזערע לעקציעס. דאס פרישט אף דעם געדאנק, און עס ענטוויקעלט אויך א פארלאנג דעם געגענשטאנד ווייטער צו שטודירען. פאר אונזערע מיטגלידער וועט אפשר אויך זיין אינטערעסאנט צו וויסען, דאס די גרעסטע נאכפראגע איז אויף די אוטליינס פון די לעקטשורס איבער טרייד יוניאניזם און עקאנאמיקס.

א מיטינג פון סטודענטען-קאונסיל.

דער סטודענטען-קאונסיל פונ'ם ארבייטער אוניווערזיטעט האט לעצטע וואך געהאט א מיטינג, צו באטראכטען פארשידענע פראגען. עס איז געווארען באשלאסען, אז דער קאונסיל זאל אנהאלטען זיין טהעטיגקייט, אויך דורך די זומער מאנאטען. דער סטודענטען-קאונסיל פלאנעוועט אויך צו מאכען אן „אוטינג", און אין גיכען וועט באקאנט געמאכט ווערען ווען און וואו דאס וועט זיין.

די לייברערי אין דער יוניטי האוז

ווי אונזערע מיטגלידער וויסען, איז דא אין דער יוניטי הויז אין פארעסט פארק, א שענע לייברערי. אבער די יוניטי הויז קאמיטע האט באשלאסען די לייברערי צו פארגרעסערען, צוצוקויפען נאך ביכער און די קאמיטע האט זיך געווענדעט צום עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, צו העלפען זיי צוזאמענשטעלען א ליסט פון נייע ביכער פאר דער לייברערי. מיר האבען מיט פארגעניגען אנגענומען די איינלאדונג, און מיר וועלען מיטווירקען אז די בעסטע ביכער פון א ליטערארישען און וויסענשאפטליכען ווערטה זאלען איינגעשאפט ווערען, צו בארייכערען די לייברערי.

דער לאקאל אין מט. ווערנאן נעהמט זיך פאר עדיוקיישאנאל ארבייט.

לאקאל 113 פון מאונט ווערנאן איז נאך א נייער לאקאל אין אונזער יוניאן. פון דעם לאקאל לאזט מען אונז וויסען, אז זיי האבען בעשלאסען פאר דעם קומענדען סיזאן זיך צו פארנעהמען מיט עדיוקיישאנאל ארבייט צווישען די מיטגלידער פון דעם לאקאל, און זיי פארלאנגען אונזער הילף.

נאטירליך, מיר וועלען עס טאן מיט פארגעניגען. דאס איז א זעהר גוטער באשלוס פון דעם לאקאל אין מאונט ווערנאן. זאלען די אנדערע לאקאלס פון די ארומיגע שטעדטלאך נאכפאלגען דעם ביישפיל און טאן דאסזעלביגע. זאלען זיי שוין באצייטענס אנפאנגען מאכען פלענער פאר עדיוקיישאנאל טעטיגקייט פאר דעם נעקסטען סיזאן און מיר וועלען זיי אין דעם געוויס העלפען.

אויס דעם לעבען פון די פרויען קליידער ארבייטער אין שיקאגא

פון ק. סקולמאן.

לייענען מיר אין די „וואומענס ווער", א צייטונג וועלכע רעפרעזענטירט די ליידיס גארמענט מאנופאקטשורערס אין גאנצען לאנד, אז די פילאדעלפיא'ער קלאוק באסעס וועלען ביי דעם קומענדען אגרימענט, וועלכער דארף באניי'ט ווערען דעם קומענדיגען מאנאט, דורכאויס פארלאנגען „א שניט" אין די שכירות, א רעוויזיע אין דער פראגע פון וואך ארבייט, און די צוריקאיינפיהרונג פון די אכט-און-פופציג שטונדען. דער מיטינג וואו די בעל-הבתים האבען דיזעס בעשלאָסען, איז, ווי די צייטונג מעלדעט, געווען א גוט בעזוכטער. אויסער דער צייטונג דערוויסען מיר זיך, דאס יעדער מאנופעקטשורער איז געטעקסט. געווארען מיט א היבשע סומע געלד, אום צו קענען פייטען מיט דער יוניאן, ווען די ארבייטער וועלען ניט ערלויבען זיך צו לאזען בערויבען פון רעכטע, פאר וועלכע מיר האבען אזוי טייער בעצאהלט, רעכטע און פריווילעגיען פאר וועלכע מיר האבען בעצאהלט מיט אונזער בלוט און אונצעהליגע לעבענס.

דאס קומט יעצט פאר אין פילאדעלפיא, וואו די קלאוק טרייד, איז אזוי גרויס און די יוניאן אזוי שטארק, ווי ביי אונז אין שיקאגא, און עס איז גאנץ וואהרשיינליך, אז אויך דא זאלען אונזערע ברויטגעבער וועלען טהון דאס זעלבע, ווייל אויב עס איז אמת אז די פילאדעלפיא'ר ברידער אונזערע זיינען אזוי צולאזען, אז מען מוז מאכען זייער לעבען אביסעל שטאטעטשנער, איז דאך דאס אויך אמת מכח אונז דא אין שיקאגא; מיר זיינען דא פשוט „באנליקט געווארען", הויפטזעכליך דעם לעצטען יאהר, ווען הונדערטע פון אונזערע ארבייטער, זיינען מאנאטען לאנג ארומגעגאנגען שלינג און שלאנג, איבער דעם קלאוק דיסטריקט זוכענדיג מיט די אויגען אין אלע ווינקעלאך א פלאץ וואו מען קען מאכען א שטיקעל לעבען, און אויך אונזערע באסעס וועלען ווארשיינליך זיך צוזאמענקומען (אויב זיי זיינען זיך שוין ניט צוזאמענגעקומען ביז יעצט) און וועלען וואהרשיינליך אויך זיך טעקסען, מיט היבשע סומען געלד ניט חלילה פאר דעם צוועק פון סטרייק בענעפיט, אָה, ניין, אזוי שלעכט אָפּ זיינען זיי נאך ניט, חס ושלום! נאר צו פיהרען א קאמף מיט א יוניאן מוז מען האבען געלד, אמאל דארף מען מאכען אן ארעסט, אמאל נויטיגט מען זיך איינעם אנצוברעכען די ביינער, און אמאל דארף מען ארויסקריגען אן אינדזשאנקשאן, און אזוי ווי אליין דורכפיהרען אט דאס אלעס קענען זיי ניט, מוזען דאס אנדערע טהון פאר זיי, אנדערע וועלכע לאזען זיך גוט באצאהלען. ס'האט שוין פיעל מאל פאסירט. דאס קומט יעצט פאר אין פיעלע אינדוסטריען אייבער'ן לאנד, און דאס זעלבע וועט נאך פארקומען אזוי לאנג ביז וואנען משיח, אדער דער סאציאליזם וועט קומען. דערווייל אבער, קענען מיר, מיר, נענען וועמען די אלע פארבערייטונגען ווערען געמאכט, ניט זיצען מיט פארלייגטע הענד און וואטען אויף כבוד. די פארגאנגענהייט האט אונז דייטליך בעוויזען אז קיין צופיעל כבוד אדער רחמנות האט מען מיט אונז קיינמאל ניט געהאט און ווי דער אמת איז ערווארטען מיר דאס ניט, ווער דארף זייער כבוד און נאך ווייניגער נויטיגען מיר זיך אין רחמנות. מיר האבען פאדערונגען און גערעכטע פאדערונגען, פאר וועלכע מיר האבען אין דער פארגאנגענהייט געקעמפט און געליטען, און מיר מוזען דאס טהון יעצט אויך און טהוען דאס אזוי שטארק און מעכטיג, אזוי איבערגעבען און בעגייסטערט, ווי קלאוקמאכער קענען דאס טהון. אויב זיי קענען ספענדען הונדערטער און טויזענדער דאלארס, אום אונזערע מענשען אויסצוהונגערן, שלאגען און בעליידיגען, קענען מיר בעווייזען צוזאמענצוקלייבען א סומע גרויס געגוג, אויסצוהאלטען א סטרייקענדע פאמיליע מיט א שטיקעל ברויט און מיט א ביסעל מילך; אויב זיי קאנען אפארדען צו באצאהלען געננגסטערס זיי זאלען אונזערע פיקעטס צושלאגען, דארפען מיר זיך אנגרייטען אמוויינינגסטענס מיט מיטלען, גענוג, אונזערע צושלאגענע מענשען מיט באנדאזשען און מעדיצין צו פארזארגען, אביסעל געלד מיטלען און דערצו זאלען נאך אונזערע קעמפער זיין באזעעלט מיט דעם גרויסען געדאנק, דאס אזא קאמף איז אויסער זיין וויכטיגקייט אויך הייליג, דאן וועט אונזער מיה און אנשטריינגונג בריינגען די געווינשטע רעזולטאטען.

יעדער לאקאל האט לויט דעם בעשלוס פון די מעמבערס, בעשלאסען צו בעשאפען א געוויסע סומע געלד, און יעדער איינער פון אונז ווי ארים ער זאל ניט זיין, מוז דיזען בעשלוס דורכפיהרען א הונדערט פראצענט. געוויס ווייסען מיר אז פאר מאנכע איז דאס זעהר שווער צו בעצאהלען. איהר מוזט אבער געדענקען, אז ווען עס זאל קומען צו א סטרייק און די יוניאן וועט ניט זיין בכח ארויסצוהעלפען יעדען איינעם פון אונז וועט דאס זיין טויזענד מאל שווערער און ביטערער. שטרייננגט זיך אן אביסעלע, טראכט זיך אריין וועגען אלעם וואס מיר האבען דא אויבען געזאגט און איהר וועט קומען צום שלוס אז אין פערגלייך מיט דאס וואס מיר האבען צו געווינען, איז צעהן, פופצעהן אדער אפילו פינף-און-צוואנציג דאלאר קיין געלד ניט.

זיין, אדער ניט זיין! דאס איז געוועזן די פראגע פאר די שיקאגא'ר רעגען-מאנטעל יוניאן, ווען זיי האבען געדארפט בעשליעסען צו, רופען א סטרייק ביי דער פירמא קלינג בראס.. א פירמא, וועלכע בעשעפטיגט און קען בעשעפטיגען פון וואסערע צוויי ביז דריי הונדערט סעמענטערס, אפרייטארס און פינישערס.

לאזען מיר קלינג בראס. אויספיהרען זייער פלאן, נעמליך, אויפצוגעבען אלע זייערע קאנטראקטארס און מאכען זייער ארבייט אין זייער אייגענער גיגאנטישע פעקטארי אונטער „נאן יוניאן קאנדישאנס" דאן מעגען מיר זיך מיאש זיין פון א רייננקאוט ווארקערס יוניאן אין שיקאגא — האבען גע'טענה'ט די טהעטיגע מיטגליעדער פון דיזער יוניאן. און א סטרייק איז באשלאסען געווארען. א סטרייק איז גערופען געווארען און איז געפיהרט געווארען אזוי גרינדליך און שטורמדיג ווי רייננקאוט מאכערס קענען דאס נאר און אין צייט פון א פאר וואכען האט די פירמא געלאזט רופען די פארשטעהער פון דער יוניאן און א סעטעלמענט איז עררייכט געווארען: א פאלשטענדיגע אנערקענונג פון דער יוניאן איז געוואונען געווארען. די רייננקאוט מאכער זיינען מלא שמחה און מיר פארגינען זיי דיזען זיעג מיט'ן גאנצען הארצען.

אין סטייבעל

(א בילד פון קאנטרי־לעבען).

פון חיים קאושראן.

צוזאמען מיט דעם אנקומען פון דער נאכט איז קיין שטעדטעל פון דער מיטעל־וועסט, איז אויך אנגעקומען דער ערשטער שנעע.

א ווילדער, בייזער ווינט רייסט זיך יעצט אומגעשטערט פון די אומעריגע, ליידיגע, ווינטערדיגע פעלדער פון ארום און ארום שטעדטעל. דער ווינט האט פארטראגען ערגעץ דעם בלויען הימעל פון איבער'ן קאפ און אנשטאט איהם האט ער אויפגעהאנגען א שווארצען פינסטערען צודעק... פון דעם שווארצען צודעק שיט זיך יעצט אהן און אויפהער ארונטער א געדיכטער, ווייסער געוועב פון אונצעהליגע שנעעלאך, וואס טראגען זיך דורך מיט א פבעמרער קאלטער ליכטיגקייט אין דער נאכט ארום...

די פאלענדע שנעעלאך כאפט אויף דער ווינט גאנצע וואלקענסווייז, דרעהט זיך אוועק מיט זיי ווילד און שליידערט זיי דערנאך בייז ארונטער אויפ'ן שטעדטעל, אזוי ווי ער וואלט עס וועלען פארשיטען מיט א ווייסען טויט...

און עס גיט זיך טאקי איין דעם ווינט צו פארשיטען מיט'ן קאלטן, ווייסען טויט, וואס ער האט געבראכט, די גראזען און די שפעט־פארבליבענע בלומען אין די גערטנער און אין די הויפען ארום די הייזער...

אבער ווייטער קען ער מעהר גארניט אויפטאן. די שטעדטעל איז באווארנט געווארען פון לאנג אן נאך ביי די ארבייטסזאמע איינוואוינער מיט אלעס, וואס איז נויטיג פאר'ן ווינטער. אלעס אין שטעדטעל, אנפאנגענדיג פון די שטארק־געבויטע, הויכע, איבער אלעס זיך ־ ארויסהייבענדיגע תבואה ־ עלעווייטארס אין מיטען, ביז די לעצטע הייזלאך אויפ'ן עק שטעדטעל, זיינען ארומגעצוימט און פארפעסטיגט, באווארנט דורכ'ן הערבסט מיט הייצונג און באווארנט מיט שפייז, וואס איז געקומען פון דעם פרוכטבארען בינדרין ארום, פאר א לאנגער צייט.

שטעהען זיי טאקי דערפאר פעסט און זיכער, די געביידעס פון שטעדטעל, און קוקען שטיפעריש מיט פרייליכע, באלויכטענע פענסטער אויף די אומזיסטיגע באמיהונגען פון ווינט צו טאן זיי שלעכטס...

די ווייניגע דורכגעהער אין די עלעקטריש־באלויכטענע געסלאך, טרעטען איילענדיג איבער'ן ווייסען פוכיגען שנעע צו די ליכטיגע, ווארימע היימען, וואס ערווארטען זיי, פייפען זיך אויס א פרייליך לידעל, און ביים באגעגנען זיך ווארפען זיי זיך דורך מונטער: „דער ערשטער שנעע!" „דער ערשטער שנעע"...

אפגעלאזען און ניט צוגעגרייט פאר'ן ווינטער זיינען נאר די לעצטע צוויי סטייבעלס פון שטעדטעל. זיי זיינען עס איבערגעבליבען פון די אמאליגע פינף, און זיי אויך קוים, קוים וואס זיי האלטען זיך, זינט די גאראדזשעס האבען אנגעהויבען צו וואקסען ווי אויף הייוועז... און דער ווינט האט זיך טאקי אויף זיי אנגעזעצט מיט זיין גאנצער ווילדער מאכט, רייסט דעכער און ברעכט די ארייננפאהר־טויערען...

אין מילער'ס סטייבעל וויגט זיך דער ארייננפאהר־טויער און סקריפעט טרויעריג, און דאס סקריפען צוטראגט זיך ווייט איבער'ן שטעדטעל און דערמאהנט אן א זינקענדיגער שיף...

אבער דאס, קענטיג, שטערט ניט די מענשען, וואס זיינען יעצט פארזאמעלט דא, אינוויינינג פון דעם פאדערשטען בימערל פון סטייבעל, אויף וועמעס טיר עס איז מיט געדרוקטע בוכשטאבען אנגעשריבען: „אפיס", אז זיי זאלען זיך פיהלען גאנץ געמיטליך.

היינט אוונט, ווי אין אלע אנדערע אוונטען פון יאהר, האבען זיך עס אהער פארזאמעלט די „ווייז מען", — די „קלוגע לייט" פון שטעדטעל פארברייננגען עטכע שטונדען צייט אין געמיטליכע, קלוגע שמועסען. דאס זיינען די זעלבע „קלוגע לייט" פון שטעדטעל, וואס פארברייננגען יעדע מינוט פון זייער פרייער צייט ביי־טאג אויפ'ן באנק לעבען אויוון אין גראסערי סטאר, ארומריידענדיג וועגען אלעס און אלעמען אויף דער וועלט...

אין צימער'ל איז יעצט ליכטיג און ווארים. אלעס איז צונעקליבען און איירראמט זארגפעלטיג. ריין־אויסגעווישט זיינען די עטליכע בילדער פון די ווענט, און די פיעלע בלאנקעטס זיינען אויסגעלייגט אין גוטער ארדנונג. אין א קרייז, מיט די פנים'ער געווענדעט צו'ם ברענעדיגען, רויט־גליהענדען אויוון זיצען זיי, די „קלוגע לייט" פון שטעדטעל, פארטיעפט, ווי געוועהנליך, אין א געמיטליכען שמועס. די עלטערע קייען דערביי טאבאק, די אינגערע רויכערען „פייפס" און ציגארען. אלע שפייען זיי אפט, און מיהען זיך דיזעלבע זאך, צו טרעפען מיט זייער שפייעכץ גלייך אין אפענעם אויוון אריין...

דעם אויבענאן לעבען דעסק פארנעמט, ווי שטענדיג, ביל דייווים — א וועטעראן פון בירגער־קריג — א מאן גלאט גע־ [illegible]

האט זיך אזוי פיין דערהאלטען, אז ווען ניט זיינע מעשיות וועגען די שלאכטען פון בירגער־קריג, אין וועלכע ער אליין האט גענומען איין אנטהייל, וואלט מען געקענט דיינקען, אז ער איז דאן — אין צייט פון בירגער־קריג — נאך גארניט געבארען געווארען אויף דער וועלט...

ער האט שוין ווידער אויסגענוצט א געלעגענהייט און האט אנגעפאנגען צו דערצעהלען איינע פון זיינע פיעלע מעשיות וועגען א שלאכט, אין וועלכער ער האט אנטהייל גענומען.

די צוהערער זיינען: דזשארדזש, דער פארמעגליכער פערד־הענדלער, און דער יונגער וועטערינארישער דאקטאר מעקארמיק אויף דער רעכטער זייט, און דער צוריקגעצויגענער אלטער פארמער דזשעס און דער אלטער בחור טשארלי אויף דער לינקער. די אלע זיינען שטענדיגע מיטגלידער פון די „קלוגע לייט" פון שטעדטעל. א חוץ זיי געפינט זיך נאך ביי דער טיר דזשאהן דער סטייבעל ארבייטער, און נאך עטליכע נישט־שטענדיגע באזוכער.

ציהט זיך דעם אלטען'ס ערצעהלונג, אקאמפאנירט ביי דעם וואיען פון דעם ווינד אין דרויסען און ביי דעם קלאפען פון דעם פאלענדען שנעע אויף די פענסטער, לאנגזאם און טרויעריג, און ער דערצעהלט וועגען גרויזאמקייט פון מענש צו זיין ברודער מענש, און וועגען וואונדען, בלוט און טויט...

די פארזאמעלטע וואלטען בעסער וועלען פארטזעצען זייער איבערגעריסענעם שמועס וועגען פראגען פון דער היינטיגער צייט, ווארום עס איז אזוי אומרוהיג און ניט־זיכער אויף דער גרויסער ברייטער וועלט... דאך וואגט קיינער ניט איבערצושלאגען דעם בכבוד'יגען אלטען. שטיל און מיט דרך־ארץ ווארט מען אויף דער ענדע פון זיין ערצעהלונג. ענדליך פארענדיגט דער אלטער מיט די זעלבע ווערטער, ווי שטענדיג, אזוי ווי ער וואלט זיך וועלען פארטיידיגען פאר דער גרויזאמער ארבייט, וואס עס איז אויסגעקומען צו טאן:

— מען האט אנדערש ניט געקענט העלפען, קינדער. א ניט וואלטען מיר ניט געקענט עקזיסטירען מעהר אלס א פאלק... עס וואלט אונטערגעגאנגען „די יוניאן", קינדער...

כדי ניט צו געבען מעהר קיין געלעגענהייט דעם אלטען פאר א נייער ערצעהלונג, און אין דער זעלבער צייט כדי זיך אומצוקעהרען צו דער באהאנדלונג פון דער פראגע וואס האט זיי אזוי שטארק אינטערעסירט, כאפט זיך ארויס דער פערדהענדלער דיפלאמאטיש:

— אלל רייט. אבער וואס טוט מען יעצט, וואס די וועלט איז אזוי אומרוהיג, און קען זיך נאך אלץ ניט צוטהיילען?...

די פראגע מאכט אלעמען לעבעדיג. אלע האבען עפיס צו זאגען וועגען דעם. אבער אפריהער לאזט מען זיך ארויסזאגען דעם געלעהרענטען דאקטאר:

— עס איז אמעריקא'ס שולד, דזשענטעלמען — רעדט מיט הארץ דער יונגער דאקטאר מק'קארמיק — מיר האבען צופיעל געהאלפען דער אלטער וועלט. יעצט זיינען זיי געווארען פוילענצער, און ווילען אליין מעהר גארנישט טאן... מען דארף זיי גלייך אויפהערען שיקען הילף... וועלען זיי ווידער אנפאנגען צו ארבייטען... און עס וועט ווערען רוהיג, דזשענטעלמען.

אלע הערען זיך צו אויפמערקזאם צו דעם דאקטאר'ס מיינונג, און ציינען ארויס אפענע אומצופרידענהייט. אבער מעהר פון אלעמען רייסט עס זיך צו טאן דער צוריקגעצויגענער פארמער דזשיימס:

— ביי גאט, איהר זייט אומגערעכט, דאק! — שרייט אויס מיט היץ דער אלטער דזשיימס — ניט אין אזא וועג קען מען היילען די וועלט, דאק, ניט אין אזא וועג, ביי גאט!

— רעד, רעד זאגט, אין וואס פאר א וועג, אויב איהר ווייסט בעסער — ענטפערט שפאטיש דאקטאר מק'קארמיק.

— דאס איז ריכטיג — האלט איהם אונטער טשארלי דער אלטער בחור — זאגט, דזשיימס, אין וואס פאר א וועג, אויב איהר ווייסט בעסער...

— געוויס, וועל איך זאגען, ביי גאט! היצט זיך דער אלטער פארמער — הערט: אמעריקא דארף ציינען א ביישפיעל ווי צו איינארדנען זיך, ביי גאט! איך מיין: ווי אזוי מענשען פון פארשידענע פעלקער קענען לעבען צוזאמען רוהיג און אין פריידען, ביי גאט! איך מיין... ביי גאט!

דער עלענד

פון מ. פערעלמוטער.

גלייך מיט'ן מארגען־ליכט,
שלייכט ער זיך צו מיר אריין, דער עלענד, —
א גרויער, א רויהער,
א דורכדרינגליכער, א צודרינגליכער,
שפרייט ער זיך אויס אויף אלע ווענט,
אין אלע שטיבער, אויף די באלקענס,
אויף די דילען, אין די שפאלטען;
ער פארווארפט ארום מיין האלז א שטריק,
א שטעכיגען, א פעכיגען,
און ווערגט...
ווי איינער, וואס ראטעוועט זיך פון א פייער,
טו איך זיך אן אין איילעניש,
און לויף, פון רויך זיך שטיקענדיג, צום טיר;
דער עלענד פארמירט זיך אויגענבליקליך אין א שלאנג,
א מיילען־לאנגע שלאנג,
א קלעפיגע, פיעלקעפיגע,
א גלימשיגע, א שפיציגע,
קנוילט זיך צענויף,
ציהט אויף זיך ארויף א זאק
און לייגט זיך אויף מיין פלייצע...
א געבויגענער, איינגעצויגענער,
שלעפ איך זיך א גאנצען טאג איבער'ן שטאדט,
און ווען דער מערב־פלאקער הויבט אן בלייכען
קעהר איך זיך צוריק אין שטוב אריין, —
דער שלאנג ווארפט פון זיך ארונטער דעם זאק,
לייזט זיך אויף, ווי א גאז
און ווידער פילט ער אן די לופט פון אלע שטיבער.... —
בלויז אין שלאף האט ער קיין שליטה ניט איבער מיר,
דער עלענד:
דארט, אין מערכען לאנד, אין לערכען־לאנד,
בין איך א פרייער...

— ער האט זיך פארפלאנטערט, איבערגעריסען פאר א ווייל זיין רעדע, געטראכט אביסעל, האט ווידער פארטגעזעצט, שוין פיעל רוהיגער ווי פריהער:

— איך מיין: דער איינציגער וועג אויסצוהיילען די וועלט פון אלע „טראבעלס" איז אט דער, ביי גאט!... איך מיין: מען דארף די גאנצע וועלט איינארדנען פונקט ווי אמעריקא, ביי גאט: א פאראייניגטע שטאאטען פון דער גאנצער...

דער אלטער האט קיין געלעגענהייט ניט געהאט צו פארענדיגען זיין געדאנק. פאר'ן טויער פון סטייבעל האט זיך דערהערט א גערויש פון א צופאהרענדען פערד־און־וואגען, און אלע האבען זיך געווענדעט מיט נייגעריגע בליקען אויסצוגעפינען ווער עס קען קומען אזוי שפעט. דער סטייבעל־ארבייטער דזשאהן האט דערוייל אן עפען געטאן די טיר, וואס פיהרט פון אפיס אין סטייבעל אריין, ארויסגעגאנגען אהין, א דריק געטאן ערגיץ אן עלעקטריש קנעפעל און האט געמאכט ליכטיג אין סטייבעל, ברייט אויפגעעפענט דעם ארייננפאהר־טויער, און האט זיך א ווארף געטאן ארייננפיהרען דעם פארשפעטיגטען ארייננפאהרער.

אין דער אפען־געבליבענער טיר פון אפיס האט זיך יעצט פון סטייבעל אריינגעטראגען א גערויש פון געקייטען היי, ווי עס ווערט געמאלען צווישען שטארקע פערדישע ציינער, צוזאמען מיט א שארפען ריח געמישט פון שמעקעדיגע היי, פון די אויסגעווארימטע קערפערס פון די פערד און זייערע סטאדאליעס און פון פערדישען מיסט... דער גערויש פון קייען איז געווען באגלייט מיט א הויכער, אומרוהיגער, ליידענשאפטליכער הירזשעריי פון א פאר יונגע קליאטשעס...

פון גאס האט זיך דורך דעם צועפענטען ארייננפאהר־טויער אריינגעריסען מיט א ווילדען יאמער א שטראם פון ווינט, און האט אריינגעשאטען אין אפיס א הויפען ווייסען, פוכיגען שנעע.

דער פארשפעטיגטער ארייננפאהרער האט זיך ארויסגעציינט צו זיין דער אירישער וואנדערענדער דריי־גודס פעדלער. מען האט צוגעמאכט די טיר, און דער געשפרעך געהט גלייך איבער אויף זיין רעכענונג.

—וואס פאר א טהעטיגע מענשען די אירען זיינען! — צולאזט זיך דזשארדזש דער פערד הענדלער — צו ארבייטען אין אזא וועטער דארף מען האבען דעם ריכטיגען „נערוו", — פארענדיגט ער מיט אפענער באוואונדערונג.

— יעס, זיי זיינען טהעטיג, — זאגט ניט אהן קנאה דער אלטער בחור טשארלי, וועלכער האט זיך אליין ווייניג וואס אויסגעצייכענט מיט צופיעל טהעטיגקייט.

—יעס, די אירען זיינען א גרויסע ראסע — שטימען אלע צו, און מען געהט ווידער איבער צו דעם איבערגעריסענעם געשפרעך.

— איך מיין: — הויבט ווידער אן דער אלטער דזשיימס, איצט געלאסען און רוהיג — אום אויסצוהיילען די וועלט פון אלע „טראבעלס" איז געבליבען צו טאן נור דאס, ביי גאט... מען דארף מאכען א פאראייניגטע שטאאטען פון דער גאנצער וועלט, ביי גאט!... דאן, זעהט איהר, וועט שוין אלעס מוזען זיין „אלל רייט"... עס וועט ניט קענען פארקומען מעהר קיינע קריגערייען, קיינע מלחמות, ביי גאט... מיט וועמען, ביי גאט?...

די מענשען ארום הערען זיך צו אויפמערקזאם צו דעם מיטעל, וואס דער אלטער צוריקגעצויגענער פארמער לייגט פאר, מיט וועלכען מען וועט קענען אויסהיילען די וועלט. מיט אויגען וואס קוקען ווייט פאר זיך פרובירען זיי זיך אויסמאהלען די וועלט אלס אזוינע, ווי דזשעס וויל זי האבען, און זיי שמייכלען צופרידען. אבער, קענטיג, ניט ביי אלעמען קומט עס אויס צו זיין אין גאנצען גלאט.

— די געלע, די „דזשאפס" וועט מען אויך דארפען ארייננעהמען אין די פאראייניגטע שטאאטען פון דער וועלט? — פרעגט מיט אומצופרידענהייט דזשאהן דער סטייבעל־ארבייטער, וועלכער האט שוין צייט געהאט אומצוקעהרען זיך צוריק אין אפיס, און איינהערען זיך צו דעם אלטען'ס פלאן.

— געוויס — ענטפערט דזשעס — ווארום זיינען זיי דען קיין מענשען ניט, ביי גאט?...

דער ווינט אין דרויסען שטארקט זיך דערוויל אלץ מעהר און מעהר. ער רייסט דעם ארייננפאהר־טויער אלץ בייזער און בייזער. און דער טויער וויגט זיך און סקריפעט איבער'ן גאנצען שטעדטעל, און דערמאהנט טרויעריג אן א זינקענדער שיף. דער פאלענדער שנעע קלאפט אלץ שטארקער אין די פענסטער פון אפיס. אבער אינווייניג, אין דעם ליכטיגען, ווארימען, צונעקליבענעם צימערל איז נאך אלץ אזוי היימליך, ווי בעפאר. און די „קלוגע לייט" פון שטעדטעל זיצען נאך לאנג אין קרייז, ארום דעם רויט־גליהענדען אויוון, און געמיטליך ריידען זיי ארום דעם פלאן פון דעם אלטען צוריקגעצויגענעם פארמער דזשעס, ווי אזוי צו פאראייניגען אלע מענשען פון דער גאנצער וועלט אין איין פארבאנד, אום איינמאל פאר אלעמאל אויסצוהיילען די וועלט...

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

צו דער פראגע פון שאפ־קאמיטעס.

פאר די לעצטע עטליכע מאנאטען האט זיך אנגעהויבען א באוועגונג פאר „שאפ־קאמיטעס" אין די לאקאלס פון דער קלאוק מאכער יוניאן. די באוועגונג איז ניט אנטדעקט געווארען פון קיינעם, ווי ברודער פינקעלשטיין וויל האבען, נאר זי איז ארויסגערופען געווארען פון די שלעכטע באדינגונגען, אין וועלכע די קלאוק־שעפער געפינען זיך, פון דער שלעכטער קאנטראל וואס די יוניאן האט איבער די שעפער.

איך מיין ניט צו באשולדיגען קיינעם אין דער שלעכטער קאנטראל, כאטש עס איז גאנץ מעגליך, אז ווען געוויסע באאמטע זאלען טאן זייער פליכט ווי געהעריג, וואלטען מיר געהאט בעסערע יוניאן־שעפער ווי מיר האבען. עס איז אבער אויך ניט אויסגעשלאסען, אז עס איז אוממעגליך פאר די ביזנעס אייגענטס פון דער יוניאן אין די פאר מינוט צייט, וואס זיי באזוכען די שעפער, צו מאכען א פאלשטענדיגען קאנטראל און זעהן, אויב יוניאן קאנדישאנס ווערען אין די שעפער אפגעהיט. דאס איז וועגען די אינדעפענדענט שעפער, וואו דער ביזנעס אייגענט פון דער יוניאן קאן צו יעדער צייט ארויפקומען אין שאפ און קאנטראלירען.

און וואס איז מכח די אסאסיאיישאן שעפער, וואו דער ביזנעס אייגענט קאן ניט ארויפקומען קאנטראלירען? דארט איז דאך די לאגע, זעלבסטפארשטענדליך, נאך א פיל ערגערע. און לאמיר זעהן, אין וואס פאר א צושטאנד די קלאוקס שעפער געפינען זיך יעצט, און ווי אזוי וועלען די שאפ קאמיטעס העלפען פארבעסערען די לאגע.

אין לעצטען דזשענעראל סטרייק, ווען די מאנופעקטשורערס זיינען געווען געצוואונגען נאכצוגעבען די וואך־ארבייט, אונטער וועלכע מיר ארבייטען יעצט, האט פיער וואכען לאנג געארבייט אן ארגאניזיישאן קאמיטע, וועלכע האט געהאלפען אויסארבייטען די פרייזען פאר יעדען בעל מלאכה. מען האט זיך צווישען זיך געדונגען און ארגומענטירט, געשאצט יעדען בעל מלאכה נאך זיין ווערט, נאך דעם מינימום סקייל וואס די יוניאן האט איינגעשטעלט מיט די מאנופעקטשורערס און אלע בעלי מלאכות פון טרייד זיינען צוריק געגאנגען אין די שעפער ארבייטען, אייניגע פאר דער סקייל, און די מעהרסטע, פאר פיל גרעסערע ווייזשעס ווי די סקייל, מיט דער אויסנאמע פון אייניגע אלטע און פיזיש שוואכע. און מיט א צייט שפעטער, ווען די „יוניאן" איז געצוואונגען געווען, צוליב הויכע פרייזען פון לעבענס מיטלען, צו פאדערען א רייז פאר די בעלי מלאכות. איז די מינימום־סקייל נאך העכער געווארען.

איז דאך, דאכט זיך, גוט? טא ווי קומט עס, וואס א סך בעלי מלאכות ארבייטען פאר ווייזשעס וואס זיינען ווייט פון פריהערדיגער סקייל? און וואס פאר א מיטלען האט די יוניאן אנגענומען צו פארהיטען דעם בעל מלאכה, וועלכער געהט איבער פון שאפ צו שאפ, אז זיינע ווייזשעס זאלען ניט פארקלענערט ווערען? און וואס קאן די יוניאן טאן, ווען זי זאל אפילו האבען צעהן מאל אזוי פיל ביזנעס אייגענטס ווי זי האט, צו פארמיידען די קאנקורענץ פון איין יוניאן מאן מיט דעם צווייטען?

למשל, ווען א בעל מלאכה פאלט ארויס פון א דזשאב צוליב דעם וואס זיין שאפ האט זיך אויפגעגעבען, אדער אין דעם שאפ וואו ער האט געארבייט איז דער סיזאן געווען א קורצער און ער זוכט א שאפ וואו דער סיזאן איז לענגער, ער איז דארט געצוואונגען צו ארבייטען פאר קלענערע ווייזשעס ווי די אלטע בעלי מלאכות. און דאס פארורזאכט די דיסקרעמינישאן פון בעל־הבית צום אלטען בעל מלאכה אויף אזוי פיל, אז די אלטע בעלי מלאכות זיינען אויך געצוואונגען צו ווערען נייע ארבייטער אין א צווייטען שאפ און ווידער קאנקורירען מיט אנדרע. אט אזוי דרייט זיך דאס ראד און עס ווערען אלץ מעהרערע שעפער ארייגעשלעפט אין דער ביטערער קאנקורענץ. און ווי מיר זעהען, איז די יוניאן מאכטלאז עטוואס אין דעם צו העלפען.

אונזער עקזעקוטיוו באארד, שטודירענדיג אט דאס אלעס, איז געקומען צום שלוס אז מיר קאנען ניט און טארען ניט בלייבען ביי די אלטע פארשימעלטע סיסטעמען, און מיר מוזען עטוואס נייעס שאפען, — אזעלכעס וואס זאל גרינדליך אויסבעסערען די אויבענדערמאנטע פעלערן. און צו אלעם ערשטען געפינט די עקזעקוטיוו באארדס פון די לאקאלס 9 — 1 פאר נויטיג צו שאפען א סיסטעם, וועלכע זאל די בעלי מלאכות פון די שעפער מאכען אזוי אקטיוו, אז זיי זאלען אומשטאנד זיין זיך צו באטייליגען און פעסטשטעלען די פרייזען פאר נייע בעלי מלאכות, וועלכע זיינען געצוואונגען צו וואנדערען פון שאפ צו שאפ, און אויך אפצוהיטען די, דורך דער יוניאן פעסטגעשטעלטע ארבייטס־שטונדען. און זעלבסטפארשטענדליך, איז דאס נאר דאן מעגליך, ווען מיר וועלען גרינדען שאפ קאמיטעס, וועלכע זאלען זיין אונטער א שטרייננג יוניאן קאנטראל. און ווי לעכערליך איז עס פון ברודער פינקעלשטיין צו פארבינדען דעם דרייוו פון „אפען שאפ" וואס די מאנופעקטשורערס פיהרען אן מיט דער באוועגונג פאר „שאפ קאמיטעס". און נאך מעהר ווי לעכערליך איז געווען זיין ארויסקומען גראדע אין זעלבען טאג, וואס לאקאל 9 האט גערופען א דזשענעראל מעמבער מיטינג צו פראפאגאנדירען די אידעע פון שאפ קאמיטעס, און ניט זאגענדיג ווער עס און וואס ער מיינט, ווארפט ער מיט זיין ארטיקעל „יוניאן קאנטראל אדער שאפ קאמיטעס", א שטיין צו טרעפען די פראפאגאנדירער פאר שאפ קאמיטעס, דענקענדיג דערמיט צו אפשוואכען די ווירקונג, וועלכע דער מיטינג האט געמאכט. אבער ווי מיר האבען געזעהן, איז דאס נויטווענדיגקייט פון שאפ קאמיטעס אויף אזוי פיל דרינגענד און פאפולער צווישען די מעמבערס, אז זיי האבען גענוי פארשטאנען אפצושאצען דאס אונבאגרינדעטקייט פון ברודער פינקעלשטיינ'ס ארגומענטען, און זיי האבען אנגענומען א רעזאלוציע פאר „שאפ קאמיטעס".

און עס ווילט זיך גלאט פרעגען ברודער פינקעלשטיין, איז עס נאר א צופעליגקייט פון אייך דאס פארזעהן אין דעם זעלבען רעפארט, פון וועלכען איהר ציטירט די פיידזש 19, וואו עס זאגט זיך פאלגענדעס: „מיר וועלען צו יעדע צייט אין דר צוקונפט אזוי ווי אין דער פארגאנגענהייט זיין צופרידען צו קאנפערירען מיט אונזערע בעלי מלאכות אינדיווידועל אין אלע אנגעלעגענהייטען, וועלכע האבען ניט צו טאן מיט דער שאפ פארוואלטונג, א ב ע ר מ י ר ו ע ל ע ן נ י ש ט פ א ר ה א נ ד ל ע ן מ י ט ק י י נ ע ש א פ ק א מ י ט ע ס"... די ציטאטע באווייזט נאך אמאל, ווי פארנונפטיג און גענוג ערצויגען אונזערע מעמבערס פון לאקאל 9 זיינען, ווען זיי האבען פארשטאנען, אז דער דרייוו פון „אפען שאפ" איז ספעציעל געשאפען געווארען געגען שאפ קאמיטעס. יעס, ברודער פינקעלשטיין, ניט יוניאן קאנטראל אדער שאפ קאמיטעס, נאר שאפ קאמיטעס אונטער יוניאן קאנטראל. און אט דאס איז אונזער צוועק.

אב. גאלדבערג,
מעמבער לאקאל 9.

וועגען גלייכער פארטיילונג פון ארבייט אין די ווייסט און דרעס שעפער.

פריינד רעדאקטאר.

אין דער טעגליכער פרעסע איז די טעג ערשינען אן אויפרוף פון דער דזשוינט באארד פון דער דרעס און ווייסטמאכערס יוניאן צו איהרע באשעפטיגטע מיטגלידער, אז זיי זאלען ניט פארגעסען די ארבייטסלאזע מיטגלידער און טאן זייער בעסט צו שאפען פלאץ פאר זיי אין די שעפער.

אזא אויפרוף וואלט געווען זעהר לויבענסווערט, ווען ער וואלט געבראכט די געווינשטע רעזולטאטען. ווארים אייגענטליך איז דאס באזארגען די ארבייטסלאזע מיט וויפיל עס איז ארבייט די צווייטע העלפט פון דער יוניאנס דורכגעפיהרטען פרינציפ: „גלייכע פארטיילונג פון ארבייט". צום באדויערען האט די יוניאן אויף דער העלפט היינט צו טאג קיין שליטה ניט און מוז אנקומען צו אויפרופען, וועלכע בלייבען מערסטענטייל א „קול קורא במדבר".

אבער ווערענד די דזשוינט באארד אלס א גאנצע איז פאר דער אדער אן אנדער אורזאך הילפלאז עפעס צו טאן אין דער הינזיכט, געפינען זיך איינציגע לאקאלס, וועלכע וואלטען געקאנט טאן פיל און דערמיט צייגען א גוטען ביישפיל פאר די אנדערע לאקאלס.

ביי די מיטגלידער פון ניי געגרינדעטען לאקאל 60 איז די פראגע פון ארבייטסלאזע א זעהר אלטע און, פיליכט, די אנגעווייטאגסטע. זי איז פילע מאל אויפגענומען געווארען ביי פארשיידענע עקזעקוטיוו־ס, ווען מיר זיינען נאך געווען א ברענטש. עס איז פארשטענדליך, אז דאן האט מען גארניט געקאנט טאן, ווייל מיר האבען ניט געהאט די פולמאכט צו טאן עפעס. יעצט זיינען מיר שוין אבער א לאקאל און מיר האבען דיזע פולמאכט. איך מוז מודה זיין, אז איך בין ניט זעהר צופרידען געווען מיט דעם אויסגאנג פון דער לאקאל פראגע, פונדעסטוועגען שטערט דאס מיר ניט צו צוגעבען, אז דער לאקאל צייגט געזונטע סימנים פון לעבען און אויב ער וועט אזוי אנגעהן, וועלען מיר פיליכט האבען איינעם פון די שעהנסטע און שטארקסטע לאקאלס. פאר דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ האט ער באוויזען צו שאפען א פארוויילונגס פלאץ, וואו די ארבייטסלאזע קאנען אריינקומען און פארברענגען; אן אנפאנג איז געמאכט געווארען צו שאפען א ביבליאטעק און עס הערט זיך, אז א קראנקען פאנד ווערט געשאפען.

די אלע אויסגערעכענטע זאכען זיינען זעהר וויכטיג, אבער פארמינדערען די ארבייטסלאזיגקייט איז דאס וויכטיגסטע! די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 60 איז גוט באקאנט מיט דער לאגע פון די פרעסערס. זי ווייסט גאנץ גוט, אז דער סיזאן איז געווען א שלעכטער און הונדערטע פרעסערס האבען ניט געהאט קיין פלעצער. די גליקליכע וואס האבען יא געהאט פלעצער, האבען געבאך געמוזט צוארבייטען א „פאר" שטונדען אווערטיים, אום ניט צו זיין אין א סכנה ארויפצונעהמען נאך א מאן, וועלכער וואלט חלילה געהאט חשק צו פארבלייבען אין שאפ. די פאר הונדערט מעמבערס פון לאקאל 35 האבען הפנים ניט געלעזען פריינד ב־'עסלאווערס סטייטמענט, אז די קלאוק באסעס צורייסען דעם אפים נאך פרעסערס, ניט אפשטעלענדיג זיך פאר קיין פרייז, און זיינען פארבליבען ארבייטען געמיטליך אין אונזערע שעפער. דער סך־הכל איז, אז די „גליקליכע" האבען טאקע אפגענומען פעטע „פיידעס" און די אנדערע זיינען ארומגעלאפען פארשמייעטע אין די סטריטען און אויף די קארנערס, אום דורך א „סיין" אדער א „גוטען ברודער" צו קריגען א טאג ארבייט. און יעצט האט זיך דאס אויך אויסגעלאזט. און די גליקליכע? ניט צו פארזינדיגען: מען נעהמט יעצט אויך אפ 40—50 און 60 דאלער א וואך.

אט דאס איז די לאגע ביי די פרעסער פון לאקאל 60. ווען די עקזעקוטיוו באארד וואלט זיך ערנסט פארטראכט וועגען דעם, וואלט זי געפונען אי וועגען, אי מיטלען די לאגע צו פארבעסערען.

די פרעסערס זיינען ניט זעהר פיל אין צאהל, מען קאן זיי אלע גרייכען. די ארבייט איז ניט קיין קאמפליצירטע — און דער באס וועט ניט האבען וואס אויסצוזעצען, און דער ערפאלג וואלט געווען געזיכערט.

וועט זי דאס אבער טאן?

מיט גרוס,
א. ראזענבלאט,
מעמבער לאקאל 60.

באנקעט פאר'ן 1טען מאי קאנצערט.

ווערטהער רעדאקטאר: —

האפענטליך וועט איהר געפינען פלאץ אין אונזער צייטונג אויסצודריקען מיינע הערצליכע געפיהלען צו אונזער געשעצטען מענעדזשער, ברודער ברעסלאוו און צו דער גאנצער אראנדזשמענט קאמיטע פון לאקאל 35 פאר זייער גוט־דורכגעפיהרטען קאנצערט און באל לכבוד דעם ערשטען מאי. מיין ברידערליכען, הערצליכען דאנק צו אייך, ה' רעדאקטאר, פאר אייער עפענטליכען אנטייל אין אונזער יום־טוב. עס קומט אויך א דאנק אלע אנדערע פערזאנען וואס האבען גענומען אן אנטייל, צו אמוזירען אונזערע ברידער און זייערע פאמיליעס.

מיט אכטונג,
דזשייק שטערנבוך,
לעדזשער נומ. 1531, לאק. 35.

עלעקשאנס אדער אפוינטמענטס?

ווערטהער רעדאקטאר: —

ברודער לעווין אין זיין ארטיקעל „עלעקשאנס אדער אפאינטמענטס" ערקלערט, דאס פון יאהר צו יאהר איז דער מאטעריאל פאר ביזנעס אייגענטס געווארען ערגער און ערגער ביז ענדליך זיינען די עלעקשאנס מיט דער צושטימונג פון אלע לאקאלס אפגעשאפט געווארען און אויף זייער פלאץ איז איינגעפיהרט געווארען דער יעצטיגער סיסטעם פון אפאינטמענטס. בר. לעווין וויל מאכען דעם פאלשען איינדרוק, אז די עלעקשאנס זיינען אפגעשאפט געווארען אויף אימער. וועהרענד דער אמת פון דער געשיכטע איז, אז עס איז געווען נישט מעהר און נישט ווייניגער ווי אן עקספערימענט מיט דער פארשטענדניס אז אויב די רעזולטאטען פון דעם נייעם סיסטעם וועלען זיין אזעלכע גוטע אז זיי וועלען רעכטפערטיגען אנצוהאלטען אויף ווייטער דעם סיסטעם פון אפאינטמענטס וועט עס אנגעהאלטען ווערען, טראץ דעם פאקט וואס עס „פיט" נישט אזא סיסטעם פאר א פראגרעסיווע ארגאניזאציע ווי די קלאוקמאכער יוניאן איז. גיכער פאסט אזא סיסטעם פאר די „גארמענט וואירקערס" אדער די „בילדינגס טריידס קאונסיל."

יעצט לאמיר אקארשט זעהען. זיינען די רעזולטאטען בעסערע, אדער אויף אזוי פיעל פארבעסערט דאס עס רעכטפערטיגט ווייטער אנצוהאלטען דעם יעצטיגען ניט־דעמאקראטישען סיסטעם פון אפאינטמענטס? איז דער טרייד איצט בעסער ארגאניזירט ווי פריהער? עקזיסטירט יעצט ניט מעהר קיין נאן־יוניאן שעפער? איז ווירקליך די „קארפארישאן" מגפה אויסגעראטען געווארען אין פערלויף פון די לעצטע צוויי יאהר?

ניין איז דער איינציגער ענטפער. אויב עס האט זיך נישט פארערגערט די לאגע, איך מיין דאס אויפקומען פון פיעלע נייע שאפקעס און מען האט זיי ניט בעצייטענס דערשטיקט איידער זיי האבען זיך איינגעפונדעוועט, איז זיך גארניט דא וואס צו באריהמען מיט וועלכער ניט איז פארבעסערונג. יעדער אונפארטייאישער בעאבאכטער וואס האט ניט קיין אייגענעם פערזענליכען אינטערעס, מוז קומען צום שלוס דאס אזא סיסטעם ווי דער איצטיגער איז שעדליך. אויב עס איז אמת דאס מאנכע ביזנעס אייגענטס האבען ניט געטאן זייער פליכט אום זיך ניט איינצורייסען מיט די „משה'ס" אין צייט פון עלעקשאן, קאן דאך אבער דער יעצטיגער סיסטעם אויך פיהרען דערצו אז דער אונפאסענדער ביזנעס אייגענט זאל נאך מעהר פארנאכלעסיגען זיין פליכט פיהלענדיג דאס ער איז ניט פאראנטווארטליך צו די מעמבערשיפ, פאלגליך האט ער דעם איינצעלנעם מעמבער אין דער ארמה.

א חוץ דעם וואס אין די „לאנג ראן" קאן און מוז די יעצטיגע סיסטעם פיהרען צו א ביוראקראטיע, טויטעט עס צו דערזעלבער צייט אפ די איניציאטיווע פון יעדען אקטיווען מעמבער.

וואס, צום ביישפיעל, וואלט בר. לעווין געזאגט ווען ער הערט פון א פראיעקט דאס אנשטאט צו שטימען דירעקט פאר קאנגרעסלייט און סענאטארען וועט נאר די אסעמבלי טון די ארבייט, באהויפטענדיג אז זי קאן מאכען א בעסערען דזשאב און ווייסט אמבעסטען ווער איז אמפאסענדסטען צו זיצען אין דער נאציאנאלער געזעצגעבענדער קערפערשאפט. דער פאקט איז אז מיר באשטעהען אויף אונזערע רעכט פאר דירעקטע וואהלען פאר יעדען וויכטיגען אמט. אמת די דזש. ב. באשטעהט פון די בעסטע מענשען. זי איז דאך אבער אינדירעקט ערוועהלט. אויב די דזשאינט באארד באשטעהט פון די בעסטע מענשען, ווי בר. לעווין האט דערמאנט, טראץ דעם, ווען עס האנדעלט זיך איבער א וויכטיגע פראגע לאזט מען עס איבער צו די מאסען צו ענטשיידען. אז די דזש. ב. פאסט אויף דירעקט אויף די ארבייט פון די ביזנעס אייגענטס איז ווירקליך א נייעס פאר מיר. ווי אזוי, בר. לעווין? קומענדיג זיך צוזאמען איינמאל א וואך צו א מיטינג אום צו מאכען אדער גוטהייסען געוויסע בעשליסע הייסט ביי אייך, בר. לעווין, אויפפאסען דירעקט אויף די ביזנעס אייגענטס?

ניין, די ארבייטער וואס ארבייטען אין די שעפער און קומען אין טאג טעגליכער באריהרונג מיט'ן ביזנעס אייגענטס, זיי אין אפים ביים מאכען קאמפליינטס, אדער פרעגענדיג פאר אן עצה ווי צו האנ־

(שלוס אויף זייט 13).

דער מאגען?
עקס־לאקס!

יעקוטיוועס וואלטען געקאנט שוין איצט טאן זייער ארבייט, צום גוטען אדער צום שלעכטען פון דער יוניאן. פאסירט אבער אזא מין געשיכטע, וועלכע איז די סקאנדאליעזסטע, די שענדליכסטע אין דער געשיכטע פון אונזער אידישער ארבייטער־באוועגונג.

*

א פאר טעג פאר די וואהלען ווייזט זיך אויף די גאסען אן ענגלישער הענדביל, פול מיט שמוץ אויף דעם גאנצען עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל. אייניגע שורות פון דעם הענדביל וועלען זיין גענוג אום צו געבען דעם לעזער א באגריף, מיט וואס פאר א סארט געגנער מיר האבען דא צו טאן.

„דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דעם אינטערנעשאנאל האט געטאן אלעס אין זיין מאכט, געבאַנוצענדיג די העכסטע שווינדלערישע מיטלען צוריקצוהאלטען די מעמבערס פון אויסצופיהרען זייערע ווילען! מיט אמאל ווערט זי שטארק פארזארגט וועגען דעמאקראטיע, וועגען געבען אלע מעמבערס דאס רעכט צו פיהרען די אנגעלעגענהייטען פון דער יוניאן.. דער דזשענעראל עקזעקוטיוו איז דערשראקען אויף טויט, אז עס זאלען קיין ראדיקאלען ניט אויסערוועהלט ווערען... ברידער ארבייטער! די אינטערנעשאנאל האט אייך ארויסגערופען צום קאמף. נעהמט אויף דעם קאמף! ווייזט די באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל, אז די דאזיגע שווינדלערישע ארביים וועט זיי קיין גוטעס ניט טאן".

*

אט מיט אזעלכע דבורים ווענדעט זיך עס אט דיזער ליפלעט צו די ארבייטער צו וואוטען פאר געוויסע קאנדידאטען, וועלכע ווערען דארט אנגעגעבען. דער ליפלעט איז ארויסגעגעבען פון „די שאפ דעלעגאט פראפאגאנדע קאמיטע", וועגען וועלכע קיינער האט ביז איצט גארניט געהערט. און די אינטערנעשאנאל וואלט עס אין גאנצען איגנארירט. עס קאן דאך זיין, אז דאס גאנצע איז אן אויפטו פון שפיאנען, פון נפשות, אונטערגעקויפט פון די באסעס, האט אבער באלד זיך ארויסגעוויזען, אז גאר פילע פון די קאנדידאטען אויף דער ליסטע האבען דעם הענדביל פארשפרייט. אייניגע האבען עס צוגעגעבען, אנדערע האבען עס געלייקענט. אבער די באווייזע, אז זיי האבען געטיילט דעם שמוץ־בלעטעל זיינען געווען אומבאשטרייטבאר. און נאך מעהר, אלע קאנדידאטען האבען זיך ענטזאגט אונטערצושרייבען אן ערקלערונג, אז זיי זיינען ניט איינפארשטאנען מיט דעם שמוץ אויף אונזערע אינטערנעשאנאל באאמטע.

*

אונטער דיזע אומשטענדען האט די ספעציעלע עלעקשאן קאמיטע באשלאסען אויף דערווייל אפצולייגען די וואהלען, און איצט שטעהט די פראגע פאר דער גרויסער מעמבערשיפ: וואס האט זי צו טאן? קאן זי דערלאזען, אז אייניגע מענשען זאלען עפענטליך, בפרהסיא גיסען גאנצע פאטוניצעס מיט שמוץ אויף דער אינטערנעשאנאל, וועלכע איז פון זיי ערוועהלט געווארען, וועלכע איז פאקטיש די העכסטע מאכט פון דער יוניאן? ווייס די מעמבערשיפ, אז אויב זי זאל ניט פראטעסטירען געגען אט דעם שמוץ מיט איר גאנצען צארן, וועט זי דערמיט געבען רעכט אט יענעם געפעהרליכען עלעמענט, וועלכער איז אויסען ניט קיין אנדער זאך, ווי די צוברעכונג פון דער יוניאן? פארשטעהט עס די גרויסע מעמבערשיפ, אז דא האנדעלט זיך ניט אום דעם פערזענליכען כבוד פון דעם אדער יענעם מיטגליד פון דער אינטערנעשאנאל, נאר וועגען דעם כבוד, דעם פרעסטיזש פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל?

*

איהר ווייסט, דער אינטערנעשאנאל קומט אוים טאג־טעגליך קעמפען פאר אייערע אינטערעסען אין די שעפער וואו איהר ארבייט. ביז איצט האט עס די אינטערנעשאנאל געטאן מיט דעם גרעסטען ערפאלג. ווי וועט זי עס אבער איצט קאנען טאן, א באשמוצטע, א באשפיגענע? וועט דען דער באס ניט קאנען שטעלען זיך מיט רעכט געגען די פארטרעטער פון דער אינטערנעשאנאל? וועט ניט זיין גענוג, ווען ער וועט זיי פארהאלטען דעם שמוציגען הענדביל: נאט זעהט, וואס מען זאגט וועגען אייך, און די יוניאן, פון וועלכער איהר פרעטענדירט צו זיין איהרע פארטרעטער, האט אויף דעם מיט קיין ווארט ניט געענטפערט!

*

דער הענדביל איז דארום ניט אן אטאקע אויף דעם אדער יענעם אינטערנעשאנאל באאמטען, נאר אויף דער גאנצער יוניאן, אויב די יוניאן וועט עס פארשווייגען. עס מוז דארום פאר אלעמען קלאר זיין, אז אויב די גאנצע מעמבערשיפ אין דער דרעס און ווייסט אינדוסטריע וועט ניט גלייך און מיט דער גרעסטער אנטשלאסענהייט אפטרייסלען זיך פון יענעם פעסט, וואס האט זיך ארייננעגארדיעט צווישען זיי, וועט פאר דער אינטערנעשאנאל ניט בלייבען קיין אנדער אויסוועג, ווי אפצוטרייסלען זיך פון דער מעמבערשיפ פון דער ווייסט און [illegible]

וואס קען ווערען פון די אידישע „הענד" אין „אונזער" ארץ ישראל?

א נחום סאקאלאוו'ס ראטה צו די אידישע ארבייטער צו באנוגענען זיך „דערווייל" מיט די הונגער־לוינען פון די אראבער.

פון אן אלטען סאציאליסט.

„וואו האלטען מיר איצט אין דער וועלט? און וואס בלייבט אונז צו טאן אין ארץ ישראל"?

אזעלכע פראגען ווערען אלץ מעהר און שארפער געשטעלט אין דער ציוניסטישער וועלטעל גופא. נאך דער שכרות מיט דער באריהמטער „באלפור דעקלאראציע" און מיט די צוזאגעכצען פון די גרויסמעכטע אין סאן רעמא, קומט דער קאצענג׳אמער.

טאקע וואס זאלען די ציוניסטען טאן מיט „זייער היים", מיט זייער אלט־ניילאנד? אי, אי, ווי שווער עס איז צו בויען! מיט פראגראמען און פלענער געהט עס ווי געשמירט, און אויפ׳ן פאפיר זעהט עס אוים גאר גרויסארטיג. די ציוניסטען טרייסטען זיך אלץ מיט האפנונגען אויף א „מאסען־איינוואנדערונג". זיי מאכען אלץ געשוואלענע רעכנונגען וועגען די „חלוצים" און מאלען אלץ אזעלכע אנציהענדע בילדער אויף דעם גרונד פון אן אלץ שנעלערער און גרעסערער קאלאניזאציע פון ארץ ישראל. אבער... אבער דאס זיינען אלץ לופט־שלעסער, און מען מאכט טאקע, מעג מען זאגען, שמענדריק׳ס רעכנונגען. מישטיינס געזאגט, וויפיעל אידען עס וואנדערן עס אריין אין ארץ ישראל! די עמיגראנטען־שטראמען ציהען זיך דאך צו אמעריקא.

און פון אלע זייטען אזוי פיעל שוועריגקייטען, אזוי פיעל שטייגער אין וועג, אזוי פיעל שונאים! אט וואס דער ארגאן פון דער פראנצויזישער ציוניסטישער פעדעראציע „לע פונפל זשואיף" (דאס אידישע פאלק) שרייבט אין א לייט־ארטיקעל איבער דער יעצטיגער לאגע אין פאלעסטינא:

„אלעס הענגט שליסליך אפ פון אונזער ארבייט. אויב מיר וועלען האבען די מעגליכקייט אריינצוברענגען אין פאלעסטינא עטליכע הונדערט טויזענד אידען, וועט עס טאקע ווערען אונזער לאנד... אבער ווי האלט עס מיט דער באלפור־דעקלאראציע און מיט דער גוטזאגונג אין סאן רעמא — גיבען זיי אונז דען אזעלכע מעגליכקייטען? אויף יעדען טריט קען מען אונז זאגען, אז מיר פארטייטשען שלעכט די דאזיגע צוזאגונגען. איהר ווילט האבען לאנד, כאטש די טיילען, וואס געהערען צום שטאאט גופא, און ניט צו קיין פריוואט אייגענטימער. אבער ווארט, עס זיינען דאך פאראן אויך אראבער אין פאלעסטינע, וואס זיינען אויף בעלנים אויף דעם. איהר פארלאנגט א „אידישע נאציאנאלע היים"? גאנץ פיין, איהר קענט עס טאקע האבען, אבער ארבייט, שאפט, גראבט קאנאלען פאר די באוואסערונגען פון די פעלדער, גרינדעט האנדעלס־קאמפאניעס, א. ז. וו. אה, די אראבער וועלען זיין אזוי שטארק צופרידען דערמיט, אז זיי וועלען גאר ניט וועלען פארקויפען זייערע שטיקלאך לאנד... און וואס מעהר מיר וועלען שאפען און ענטוויקלען די אינדוסטריען און דעם האנדעל אין פאלעסטינא, אלץ מעהר וועלען טאקע פראפיטירען דערפון... די אראבער".

און מכח דעם „מאנדאט", וואס ענגלאנד האט געקראגען איבער פאלעסטינא, שרייבט ווייטער די זעלבע צייטונג, רופט עס כלל ניט ארוים א שמחה אויף די ציוניסטישע גאסען. וואו זיינען עס די גאראנטיעס און פון וואנען זיינען מיר עס אזוי זיכער, אז די הייניגע אראבישע פאלעסטינא וועט טאקע ווערען א „נאציאנאלע אידישע היים"?

מיט א קורצער צייט צוריק האט עס זיך געקאכט צווישען ציוניסטען וועגען די נארד־גרענעצען פון פאלעסטינא. די ציוניסטען האבען אלץ געפאדערט פון פראנקרייך, אז זי זאל אפגעבען געוויסע טיילען פון סיריען, ספעציעל די געגענדען, פון וואנען עס שטראמט ארוים דער ירדן און דער טייך ליטאני. עס האט אפילו געקלונגען קאמיש צו הערען, אז נאך איידער זיי האבען עפעס אויפגעבויט אין אלטען ארץ ישראל גופא, ווערען זיי שוין „אימפעריאליסטען" און קריגען חשק צו געגענדען, וועלכע האבען שטענדיג באלאנגט צו סיריען. נאר אזוי ווי פראנקרייך האט צוגעזאגט ניט צו שטערען די ציוניסטישע איגזשענערען און בויערס בכלל, דארום איז עס דערווייל שטיל געווארען וועגען די דאזיגע „גרענעצען".

און גאנץ ריכטיג האט טאקע וועגען דעם געזאגט דער ציוניסטישער פרעזידענט, דר. ווייצמאן בכבודו ובעצמו, אז „די צוקונפטיגע גרענעצען פון פאלעסטינא וועלען זיין אזעלכע, ווי די ציוניסטען וועלען עס מאכען". זאלען זיך נאר די אידישע קאלאניעס צושפרייטען אלץ ווייטער צום צפון, זאל מען טאקע אויפבויען פאבריקען אין די בערג־געגענדען, פון וואנען עס שטראמען ארוים דער ירדן, און אנדערע טייכען און וואס זיינען אזוי רייך אין וואסער־קראפט, וועט מען זיך שוין אויסגלייכען וועגען די גרענעצען פון סיריען אונטער דעם פראנצויזישען „מאנדאט" און פון פאלעסטינא אונטער דעם ענגלישען „מאנדאט".

אט וואס אזא גרויסער שטערן אויף דעם ציוניסטישען הימעל, ווי נחום סאקאלאוו, זאגט וועגען דעם אין אן אינטערוויו מיט א מיטארבייטער פון דער „אידישער פרעס צענטראלע" (ציוריך, 31טען דעצעמבער, 1920).

„די פראנצויזען ווילען אונז האלטען אין די היסטארישע גרענעצען פון ארץ ישראל, — נעמליך, פון דן ביז באר שבע. מיר קענען זיך אבער דערמיט ניט באגנוגענען, און מיר פאדערען דארום ווייטערע גרענעצען, אום צו קענען ענטוויקלען א גרעסערע פאלעסטינישע אינדוסטריע. די פראנצויזישע רעגירונג פארזיכערט אונז, אז אין פרינציפ האט זי גארנישט דאגעגען, דאס אידען זאלען זיך באזעצען און צושפרייטען אלץ ווייטער אויך אין סיריען. אבער אזוי ווי מען קאן דאך דערווייל ניט וויסען אויף זיכער, וואס עס וועט זיך אויסלאזען פון אלע ציוניסטישע פלענער, דארום האלט עס פראנקרייך פאר צוועקמעסיג דערווייל אפצואווארטען. און אין פאל די אידישע קאלאניזאציע וועט דורכפאלען, וועט דאן בלויז ענגלאנד אליין פראפיטירען דערפון, וואס פראנקרייך וועט שוין היינט צו טאג אפטרעטען אירגענד וועלכען טייל פון איהר „מאנדאט" איבער סיריען. נון, עס פארשטעהט זיך, אז די פראנצויזען האבען קיין חשק ניט צו פארגרעסערען ענגלאנד׳ס חלק אין אזיען.

דארום, שליסט ה׳ סאקאלאוו, איז עס דערווייל די אויפגאבע פון די ציוניסטען צו ענטוויקלען פאלעסטינא אין איהרע אלטע ביבלישע גרענעצען, — און ווייטער וועט מען שוין זעהען. דער גאט פון אברהם, יצחק ויעקב וועט ווי עס איז ווייטער ארויסהעלפען זיין פאלק ישראל".

דאס איז טאקע געזאגט הויך־דיפלאמאטיש. פארט א גרויסער שטאאטסמאן, ניט ווי דער אינזשענער און חבר רוטענבערג און אנדערע אזעלכע בויעים פון לופט־פאבריקען מיט דער עלעקטרישער קראפט פון די שטראמען פון ירדן ליטאני און יארמוק, איבער וועלכע די פראנצויזען צוזאמען מיט די סיריאנער האבען גאר די ממשלה.

אבער אפילו פאר אזא אפגעגרענצטער פאלעסטינא, ווי אין שלמה המלך׳ס צייטען, דארף מען דאך אויך האבען אונגעהייער גרויסע קאפיטאלען. און דא ענטפלעקט אונז דער ציוניסטישער שטאאטסמאן סאקאלאוו דעם גרויסען סוד, אז דערווייל איז עס א זעהר שווערער עסק. די אמעריקאנער, מיינט ער, זיינען שוין אפנים מיד געווארען צו קלייבען די נויטיגע סומען, און וואס עס אנבעלאנגט די אידען פון די מזרח־לענדער, געפינען זיי זיך יעצט אין אזא טרויעריגער עקאנאמישער לאגע, אז ביי דעם בעסטען ווילען קענען זיי גאנץ ווייניג הילפע לייסטען.

און דערביי דערלאנגט שוין ה. סאקאלאוו א נאָב די אמעריקאנער אידען בכלל, אט די „עכטע ביזנעסלייט", וועלכע באנעהמען גאר ניט „דעם אונשאצבארען ווערטה פון דער רעגענעראציהונג אין אידישען גייסט", ווי ער דריקט זיך אויס.

אה, ווי זאגט מען עס: דער קאזאק איז טריף, נאר זיין גראשען איז כשר". זעהט איהר, ווען די „פארביזנעוועטע" אידען פון אמעריקא שיקען אוועק זייערע דאלארס צו די ציוניסטען אין דער אלטער וועלט, בוקט מען זיך צו זיי; אבער זוי נאר זיי ווילען עפעס א דעה זאגען צו די ניט־פארביזנעוועטע גדולים פון „אלט־ניילאנד", דאן איז מען זיי מבזה מיט אזעלכע קאמפלימענטען, אט ווי למשל, ה׳ סאקאלאוו׳ס: „אלס עכטע ביזנעסלייט זיינען זיי (די אמעריקאנער אידען) געוואהנט צו פארשוועודערן געלד אלץ אויף אזעלכע זאכען, וועלכע ברענגען איין גוטע דיווידענדען".

יעדענפאלס, ערקלערט ער, אז „מיר זעלבסט מוזען געפינען די נויטיגע מיטלען ביי די „פסטיודען", טראץ זייער ארמוטה".

אה, ווען מען וואלט עס טאקע גע־קענט באוויזען צו בויען מיט אזא „אידעאליסטישען" מאטעריאל!

און דערווייל, ביז די אויסגעהונגערטע אידען פון די מזרח־לענדער, וועלכע צולויפען זיך אין שרעק פאר פאגראמען, וואו די אויגען טראגען, וועלען עס דערלאנגען די ציוניסטישע פיהרער די נויטיגע מיליאנען צו בויען א „היים" אין דער אראבישער פאלעסטינא אונטער דער ענגלישער הערשאפט, — דערווייל, זאגט ה׳ סאקאלאוו, דארפען די אידישע ארבייטער, וועלכע האבען שוין אריינגעוואנדערט אין „זייער לאנד", זיך באגנוגענען מיט קליינע וויידזשעס! און טאקע ניט אנדערש, נאר קליינע וויידזשעס. ווייסט איהר פאר וואס? אה, גאנץ פשוט, ווייל די קאלאניסטען זיינען ניט אין שטאנד צו צאהלען העכערע וויידזשעס. מען מוז זיך דאך רעכענען מיט דער אלגעמיינער לאגע אין פאלעסטינא, מיינט ער. „מיר ווילען אויף קיין פאל ניט באיקאטירען די אראבישע ארבייטער", ערקלערט דער צוקינפטיגער פרעמיער פון „אונזער לאנד". אהן אראבישע הענד קענען די אידישע קאלאניסטען אלץ ניט אויסקומען.

יא, אזוי איז עס. דאס איז טאקע ריכטיג, און אט אין דעם באשטעהט דער גרעסטער בראך אין „אונזער נאציאנאלער היים" מיט באלפור׳ס צוזאג און דזשאן בול׳ס (ענגלאנד׳ס) שווערד. נאר הערר סאקאלאוו טרייסט אונז ווייטער מיט לופט־שלעסער און מארשירט העלדיש אויף פאפירענע בריקען. מיר לייגען גרויסע האפנונגען, זאגט ער, אויף דער ענטוויקלונג פון אינדוסטריען אין פאלעסטינא. און דאן וועט זיין פלאץ פאר טעכניקער, בעלי־מלאכות און פראסטע ארבייטער, וועלכע ווערען שוין היינט פארהעלטנימעסיג ניט שלעכט באלוינט אין ארץ ישראל, און גוטע בעלי מלאכות געפינען זיך דאך אויך צווישען די רוסיש־פוילישע אידען.

גוט, אבער ווי קומט די קאץ איבער׳ן וואסער? מען דרעהט זיך דאך דא ווי אין א באצויבערטען אדער פארשאלטענעם קרייז. וואו וועט מען עס נעהמען די נויטיגע מיטלען פאר דער ענטוויקלונג פון אינדוסטריען אין פאלעסטינע? און אונטער די ווערטער „נויטיגע מיטלען" פארשטעהען מיר ניט בלויז די קאפיטאלען, וואס מען וועט שליסליך האבען צו קלייבען צווישען די עלענדע און פאגראמירטע אידען פון די מזרח־לענדער, נאר אויך די ארבייטס־קרעפטען, אט די אידישע בעלי מלאכות, וועלכע וועלען דערווייל מוזען קאנקורירען מיט די אראבער.

ווי אזוי וועלען עס די איינגעוואנדערטע אידישע ארבייטער אויסהאלטען, ביז מען וועט אמאל טאקע דערלעבען צו זעהען, ווי די רעדער וועלען זיך דרייען אין די פאבריקען ביי די שטראמען פון אויבערשטען ירדן? עס איז לייכט צו זאגען: איינשפארען די קראפט פון וואסער, עלעקטריציפירען א געגענד, בויען פאבריקען, איינריכטען קאלאניעס, א. ז. וו. אבער ווי אזוי קען מען עס מיט א מאל אויפטאן ניט נאר מיט צדקה־געלד, מיט געקליבענע גראשענס, זאנדערן אויך מיט ארבייטער, וואס מען מוז נאך ערשט אימפארטירען?

אויפ׳ן ארט גופא, אין דער „נאציאנאלער היים", הייסט עס, איז דאך א האלבע וויסטעניעס: אלץ זאמדען, טרוקענע פעלדער. דערצו נאך פיינדליכע אראבער, קדחת, ווילדע בעדואינען און היישעריקען.

עס איז טאקע דארום גאר קיין וואונדער ניט, וואס אפילו ענטהוזיאסטישע ציוניסטען פארלירען שוין דעם מוטה און וואס נאך די פויגעלאך אין בוזים, וועלכע מען האט ארומגעטראגען אויף די ציוניסטישע גאסען נאך באלפור׳ס דעקלאראציע לאזט זיך הערען א גרעסערע קאצענג׳אמער.

GERECHTIGKEIT
A Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. III. No. 20. — New York, Friday, May 13, 1921.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל

די מניעה צו א פארשטענדיגונג.

דערווייל קען מען נאך ניט אנווייזען אויף עטוואס ממשות'דיגעס, וואס די קאנפערענצען צווישען די קאמיטעס פון דער קלאוקמאכער יוניאן און פון די קלאוק־מאנופעקטשורערס זאלען האבען אויסגעפיהרט. פון דעסטוועגען, אין איין פרט האבען זיי שוין אויפגעטאן זעהר פיל. די מאנופעקטשורערס האבען, דורך די קאנפערענצען, ניט נאר אנגעהויבען בעסער פארשטעהן אונזער שטאנדפונקט, דעם ארבייטער'ס שטאנדפונקט, נאר אין גאר פילע פונקטען האבען פילע פון זיי געמוזט צוגעבען, דאס אונזער שטעלונג איז די איינציג־ריכטיגע.

*

די זיכערקייט, מיט וועלכער די קלאוק־מאנופעקטשורערס האבען אוועקגעשטעלט זייערע פאדערונגען, אלס דעם מיטעל פאר אלע צרות אין דער אינדוסטריע איז באדייטענד פארשוואונדען. זייער איבערצייגונג, דאס זיי האבען געפונען דעם שליסעל פאר אלעס, וואס פלאגט אונזער קלאוק־אינדוסטריע, האט זיך ביז צו גאר א גרויסען גראד א טרייסעל געטאן דורך די איבערצייגונגס־קראפט פון אונזערע פארשטעהער. פילע פון זיי, און גראדע די אינטעליגענטסטע צווישען זיי, זעהען איין, אז אלע זייערע פארגעשלאגענע מיטלען, וועגען דער ריכטיגקייט און וויכטיגקייט פון וועלכע זיי זיינען געווען אזוי זיכער פאר די קאנפערענצען, האבען זיך ארויסגעוויזען, נאך א גרינדליכען אנאליז, צו זיין ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי באבסקע רפואות.

*

נעמט, למשל, דעם פארלאנג פון די מאנופעקטשורערס צו שניידען די ווייזדזשעס, כדי די קלאוק־אינדוסטריע אין ניו יארק זאל, לויט דעם אויסדרוק פון די מאנופעקטשורערס, אוועקגעשטעלט ווערען אויף א קאנקורענץ־באזיס. דאס מיינט, אז כדי דער גרויסער מאנופעקטשורער זאל קענען קאנקורירען אין פרייז פון קלאוקס מיט דעם קליינעם מאנופעקטשורער, מוזען די ארבייטער אין די גרויסע שעפער ארבייטען פאר ביליגער.

*

דאס איז געווען דער הויפט־גרונד, אויף וועלכען די מאנופעקטשורערס האבען באזירט זייער פאדערונג פאר א רעדוקשאן אין ווייזדזשעס. ניין, ניט נאר דער הויפט־גרונד, נאר טאקי דער איינציגער גרונד. ווארים אונזערע מאנופעקטשורערס קענען ניט קומען מיט דער טענה (אויב ניט פאר דער עפענטליכקייט, איז ווייניגסטענס אין דעם קאמיטע רום, וואו אלערליי בלאפס האבען ניט די מינדעסטע שליטה) אז דער קלאוקמאכער איז צווישען אלע אנדערע „סקילד ארבייטער" אין אמעריקא, דער אם בעסטען באצאהלטער. אין דעם קאמיטע רום, צווישען זיך, ווייסען זיי, אז דאס איז פשוט ניט אמת, אז דער קלאוקמאכער, וואס ארבייט ניט מעהר ווי א דרייסיג וואכען דורכ'ן יאהר, פארדינט קוים־קוים געגוג, אפילו איצט ביי די גרויסע ווייזדזשעס, אום צו לעבען.

*

פונקט אזוי קען אין דעם קאמיטע־רום ניט גילטען די טענה, אז היות אלעס איז איצט ביליגער, ווי געווען, דעריבער מוזען די ארבייטער ווייזדזשעס געשניטען ווערען. זיי ווייסען גאנץ גוט די ווירקליכע לאגע. זיי לעבען ניט אויף דעם שטערען מארס, נאר גלייך מיט אונז, אויף אונזער מוטער־ערד, און דוקא אין א געוויסען ווינקעל איהרען, אין ניו יארק. און זיי ווייסען, אז וואס אנבעטרעפט דעם קלאוקמאכער, אלס קאנסומער, אלס פארברויכער, איז כמעט אלעס אזוי בראנד־טייער, ווי געווען. אויב אייניגע קלייניגקייטען, זיינען עטוואס ביליגער, זיינען אבער די הויפט־זאכען, די סאמע נויטווענדיגסטע לעבענס־מיטלען, געבליבען אויף דער זעלבער יקרות־הויך, ווי פריהער. רענט איז בשום אופן ניט געפאלען; באהייצונג און באלייכטונג זיינען איז די לעצטע יואכען נאך געשטיגען. פלייש איז נאך אלץ אזוי טייער, ברויט איז נאך ניט ביליגער. בקיצור, די לעבענס־מיטלען זיינען פאר דעם איינצעלנעם פארברויכער ניט געפאלען אין פרייז. דאס ווערט אלגעמיין אנגענומען. נו, קענען דאך ניט די מאנופעקטשורערס אויף דעם גרונד פאדערען א רעדוקשאן אין ווייזדזשעס.

*

בלייבט אלזא דער איינציגער גרונד, דער אויבענאנגעגעבענער, נעמליך, די גרויסע מאנופעקטשורערס מוזען ווערען קאנקורענץ־פעהיג. אבער דער גרונד איז דורך די ריכטיגע אומבאשטרייטבארע ארגומענטען פון אונזער קאמיטע אין גאנצען צופולווערט געווארען. ערשטענס, האט אונזער קאמיטע פארשטאנען עס גאנץ קלאר צו מאכען, אז עס איז ניט די קלענערע ווייזדזשעס, וואס דער קליינער מאנופעקטשורער צאהלט זיינע ארבייטער, וואס מאכען איהם פאר אזא געפעהרליכען קאנקורענט, ווייל די גאנצע מעשה אז ער צאלט זיינע ארבייטער קלענערע ווייזדזשעס, ווי דער גרויסער מאנופעקטשורער, איז א מיף, איז אויסגעטראכט. צווייטענס, אז אויב עס זאל זיין ווירקליך אמת, אז די קליינע מאנופעקטשורערס צאהלען זייערע ארבייטער קלענערע ווייזדזשעס, ווי די גרויסע מאנופעקטשורערס, וועט דאס שניידען פון די ווייזדזשעס פון די ארבייטער אין די גרויסע פעקטארים, גארניט העלפען. ווארים אזוי שנעל, ווי די ארבייטער פון די גרויסע מאנופעקטשורער וועלען ארונטערלאזען פון זייערע ווייזדזשעס, וועלען די ארבייטער פון די קליינע מאנופעקטשורערס פראפארציאנעל זיך לאזען שניידען פון זייערע ווייזדזשעס, און די האלז־שניידענדע קאנקורענץ וועט אנגעהן פונקט אזוי שטארק, ווי פריהער. אין איינפאכע ווערטער: אויב דער ארבייטער פון דעם גרויסען מאנופעקטשורער, קריגט איצט, למשל, 50 דאלאר די וואך — און דער ארבייטער פון דעם קליינעם מאנופעקטשורער קריגט מיט 5 דאלאר ווייניגער, וועט בלייבען די זעלבע פראפארציע, ווען די ווייזדזשעס וועלען געשניטען ווערען, זאגען מיר אויף 5 דאלאר די וואך. דאן וועט דער ארבייטער אין דער גרויסער פעקטארי קריגען 45 און דער ארבייטער אין דער קליינער פעקטארי וועט ארבייטען פאר 40. די קאנקורענץ וועט בלייבען דיזעלבע, און אונזערע גרויסע מאנופעקטשורער וועלען נאך אלץ שטעהן פאר דיזעלבע פראבלעמע, ווי אוועקצושטעלען די קלאוק אינדוסטריע אין ניו יארק אויף א קאנקורענץ־באזיס, אזוי ראטלאז און הילפלאז, ווי פריהער.

*

וואס אנבאטרעפט דאס פולע רעכט פון מאנופעקטשורער צו סעקען, ווייסען זיי ערשטענס, אז זיי קענען עס קיינמאל ניט אויספיהרען, אזוי לאנג ווי דער ארבייטער וועט האבען נאר דאס לעצטע ביסעל כחות צו קעמפען דאגעגען; און, צווייטענס, ווייסען זיי, אז דאס וועט בשום אופן ניט לייזען די פראגע. פרעזידענט שלעזינגער האט שוין אין זיין ערשטער רעדע אויף דער ערשטער קאנפערענץ גאנץ קלאר געמאכט דעם פונקט. ער האט געשטעלט די מאנופעקטשורער די גאנץ פשוט'ע פראגע: ווארום האבען זיי זיך ניט באנוצט מיט זייער רעכט צו סעקען אן ארבייטער אין דער צייט פון די לעצטע מאנאטען, ווען זיי האבען געהאט אפגעבראכען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן? ווער האט זיי געשטערט אין דעם? זיי האבען עס ניט געטאן, ווייל זיי האבען געוואוסט, אז מיט אזא מין האנדלונג קענען זיי זיך מאכען פיל ערגער. זיי קענען מיט אזא האנדלונג פאראורזאכען אפטע „סטאפעדזשעס", וואס דאס איז נאך א פיל ערגערער איבעל, ווי צו האלטען אין שאפ אן ארבייטער, פון וועלכען זיי וואלטען געוואלט פטור ווערען. היינט, אויב אזוי, טו וואס נוצט זיי דאס טעארעטישע רעכט פון סעקען, אז פראקטיש קענען זיי עס ניט אויספיהרען?

*

די בעלי בתים האבען ניט געהאט וואס צו ענטפערען אויף דעם, און קענען נאך ביז איצט גארניט ענטפערען אויף דעם. דורך די ווייטערע דעבאטען איז דער פונקט נאך פיל קלארער געווארען, אזוי דאס פילע מאנופעקטשורער פון דער סאב־קאמיטע האבען צוגעגעבען, אז די דאזיגע פאדערונג איז אזא, וואס וועט, ווען אפילו נאכגעגעבען, אויף א האר ניט פארבעסערען די לאגע.

*

דאס אלעס איז קלאר געמאכט געווארען דורך די קאנפערענצען. טו ווארום איז ביז איצט נאך גארניט דערגרייכט געווארען? וואס האלט אפ אונזערע מאנופעקטשורערס פון צו באנייען דעם אגרימענט, וועמעס טערמין ענדיגט זיך ערשט אין א יאהר ארום?

*

ווי אונז דאכט זיך, איז אויף דעם דא בלויז איין תירוץ: די גאס, די אויסערליכע אומשטענדען, לאזען ניט די מאנופעקטשורערס קומען צו א פעסטען באשלוס. זיי לייענען, למשל, אז דער שטאל־טראסט האט דורך אן אוקאז ארונטערגעשניטען די ווייזדזשעס פון די שטאל ארבייטער, שטעלט זיך ביי זיי א פראגע: ווארום גערי יע, און מיר ניט? זיי לייענען אין די צייטונגען וועגען דער אפען־שאפ באוועגונג, ווערט זיי גאנץ קאלעמוטנע אויפ'ן הארצען: ווארום זאלען מיר זיין ערגער, ווי אנדערע מאנופעקטשורער, וועלכע פיהרען פארט אויס צו באפרייען זיך פון דער יוניאן־„טיראני"?

*

דאס מוז עס זיין, וואס האט לכתחילה געמאכט אונזערע מאנופעקטשורער אפברעכען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן; און דאס מוז עס אויך זיין, וואס לאזט ניט אונזערע מאנופעקטשורער צו האנדלען איצט אזוי, ווי זיי וואלטען אין זייערע אייגענע אינטערעסען באדארפט האנדלען; און אין גאנצען לאזען פאלען די אומבאגרינדעטע פאדערונגען און בלייבען נאר ביי דער פאדערונג, אז די יוניאן מוז זיי געבען די גאנצע הילף, אז די ארבייטער זאלען זיי געבען א עהרליכען טאג ארבייט, וואס די יוניאן איז ווירקליך באריית מיט אלע איהרע כוחות צו טאן.

*

מיר האבען אבער בשום אופן נאך ניט פארלארען די האפנונג, אז נאך א קאנפערענץ און נאך א קאנפערענץ, און עס וועט דאך קומען דערצו. די מאנופעקטשורער וועלען איינזעהן, אז די קלאוק אינדוסטריע איז אין א גאנץ אנדער לאגע, ווי די שטאהל־אינדוסטריע, אדער ווי אירגענד אנדערע אינדוסטריע, אין וועלכער די ווייזדזשעס זיינען געשניטען געווארען. איין זאך מוז דאך פאר זיי קלאר זיין, אז די שטאהל־ארבייטער זיינען דערווייל גאנץ ווייניג ארגאניזירט, דערפאר איז גערי ד ע ר ו ו י י ל דער באלעבאס פון דער לאגע. אין דער קלאוק־אינדוסטריע אבער זיינען די קלאוקמאכער פארט הונדערט פראצענט ארגאניזירט. זיכער מוזען זיי אויך וויסען, אז עס איז דא א שטיקעל חילוק אין דעם גראד באוואוסטזיניגקייט פון דעם שטאהל־ארבייטער און דעם קלאוקמאכער...

*

דאס קענען זיי ניט ענדערען, אפילו ווען זיי וואלטען געווען אזוי רייך און מעכטיג, ווי דער שטאהל־טראסט, וואס זיי זיינען עס ניט. און דערפאר האפען מיר, וועלען די קלאוק מאנופעקטשורער איינזעהן, ווי ניט געשייט עס איז פון זייער זייט צו נעהמען זיך א ביישפיל פון אנדערע אינדוסטריען. אן אינדוסטריע צו אן אינדוסטריע איז ניט גלייך. אן ארבייטער צו אן ארבייטער איז ניט גלייך. וואס איז אפשר מעגליך אין איין פלאץ, קען זיין זאל זיין גאנץ אונמעגליך אין אן אנדער פלאץ. ווען אונזערע מאנופעקטשורער וועלען קומען אט צו דער לעצטער איבערצייגונג, גלויבען מיר, אז מיט דעם וועט באזייטיגט ווערען די לעצטע מניעה צו א פאלשטענדיגע צופרידענשטעלענדע פארשטענדיגונג פאר ביידע צדדים.

פארפאסקודיען זייער אייגענעם נעסט

לויט'ן באשלוס האבען נאך פארלעצטען דאנערשטאג געזאלט פארקומען די וואהלען פאר די עקזעקוטיוו באאמטע פון די לאקאלס 22 און 25, וועלכע נעהמען אריין אין זיך די גרויסע מעמבערשיפ פון דער וועיסט און דרעס אינדוסטריע. די וואהלען זיינען אבער ניט פארגעקומען.

ווארום?

*

מיר ווילען, אז די גרויסע מעמבערשיפ פון די ביידע לאקאלען זאל ריכטיג פארשטעהן וועגען וואס דא האנדעלט זיך. מיר ווילען, אז די צעהנדליגע טויזענדע וועיסט און דרעסמאכער, וועלכע זיינען ניט קיין פאליטישענס, און ווייסען, ווי קלעגליך עס וואלט געווען זייער לאגע אין די שעפער, ווען זיי וואלטען ניט געהאט אויף זייער זייט די באשיצענדע מאכט פון דער יוניאן, זאלען פארשטעהן, אז די לאגע איז איצט ווירקליך א זעהר ערנסטע; אז די געפאהר איז זעהר נאהענט, אז זייער יוניאן, זייער איינציגע וואפע קעגען דעם באס, זאל אין גאנצען ארויסגעריסען ווערען פון זייערע הענד; אז די יוניאן זאל אין גאנצען צושמעטערט ווערען, און דאס זיי, און נאר זיי קענען מיט זייער פעסטען באשלוס רופען א האלט, מאכען א סוף צו אט דער שענדליכער יוניאן־ברעכערישער טאקטיק פון א געוויסען עלעמענט, וועלכער פאראדירט אונטער דער מאסקע פון רעוואלוציע, קאמוניזם און נאך אזעלכע שעהנע און באמת גרויסע ווערטער.

די געשיכטע אין קורצען איז אטוועלכע.

די וואהלען פאר די עקזעקוטיוו באאמטע פון די לאקאלס האבען געזאלט פארקומען מיט עטליכע וואכען פריהער. האבען אבער פילע מיטגלידער פון די לאקאלס געבראכט א קלאגע אין דעם אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, אז לויט דער וואהל־פראצעדור, ווי דאס איז באשלאסען געווארען, וועט עס ניט זיין קיין וואהלען, נאר בלויז א חוזק. שטעלט אייך פאר, אז פאר די וואהלען פון עקזעקוטיוו באאמטע פאר די ביידע לאקאלס, וועלכע באשטעהען פון דרייסיג טויזענד מיטגלידער, האט מען באשטימט איין קליינעם מיטינג־לאקאל, וואו עס קענען העכסטענס זיך פארזאמלען א פאר הונדערט מענשען; און דערצו נאך האבען עס אט די וואהלען באדארפט אויסגעפיהרט ווערען אין דעם לויף פון א פאר שטונדען.

יעדער מענש מיט נאר עטוואס שכל קאן איינזעהן, אז אזא סארט וואהלען וואלט געווען בלויז א טרויעריגער שפאס. פיל עהרליכער וואלט שוין געווען, ווען מען וואלט די גאנצע וואהל־צערעמאניע געלאזט פאלען, און די עטליכע לייט, וואס האבען די אמביציע צו זיין עקזעקוטיוו באאמטע, וואלטען זיך אליין אפאינטעט. דאס וואלט געווען טאקע זעהר מעשה דיקטאטאר, אבער לכל הפחות וואלט עס געווען עהרליך.

*

דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעיישאנאל האט גרינדליך באטראכט די דאזיגע אנגלעגענהייט, און האט באשלאסען, אז אזוי טארען די באאמטע־וואהלען ניט געמאכט ווערען. אז, אויב יא וואהלען, מוזען אלע מיטגלידער פון דער יוניאן האבען די מעגליכקייט צו וועהלען וועמען זיי ווילען. צי זיי וועלען זיך באנוצען מיט דער מעגליכקייט, צי ניט, דאס איז פאר זיי צו אנטשיידען, אבער די מעגליכקייט מוז זיי געגעבען ווערען.

*

און די דאזיגע ענטשיידונג איז אנגענומען געווארען איינשטימיג פון דעם ניו יארקער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד ניט אזוי צוליב דער הייליגקייט פון דעמאקראטיע, ווי צוליב א גאנץ אנדער גרונד. די אויסערוועהלטע באאמטע זיינען דאך די אויסדרוקס־מאכט פון דער יוניאן. ווען עס קומט אויס צו פארהאנדלען מיט א מאנופעקטשורער איבער א געוויסען סכסוך, טוט עס ניט און עס קאן ניט טאן די גאנצע יוניאן, נאר איהרע אויסערוועהלטע באאמטע. וואס מעהר א באאמטער רעפרעזענטירט די יוניאן, דאס גרעסער איז זיין מאכט און איינפלוס, און דאס מעהר אפשיי האט פאר איהם דער באס. פארקערט, וואס ווייניגער איינער רעפרעזענטירט זיין יוניאן, דאס קלענער איז זיין מאכט און איינפלוס, און דאס ווייניגער רעספעקט און אויפמערקזאמקייט וועט דער באס איהם שענקען. עס איז דארום פון דער העכסטער וויכטיגקייט פאר די אינטערעסען פון דער יוניאן, אז איהרע באאמטע זאלען אויסערוועהלט ווערען פון אלץ א גרעסערע צאהל מיטגלידער. שוין דער באוואוסטזיין אליין, דאס איינער איז ערוועהלט געווארען פון טויזענדע און טויזענדע מאכט איהם שטארק, און דאס בעסער און ווירקונגספולער איז זיין ארבייט פאר דער יוניאן. אט דערפאר, אין די אינטערעסען פון דער גרויסער מעמבערשיפ האט דער עקזעקוטיוו פון דער אינטערנעיישאנאל באשלאסען, אז די וואהלען מוזען אזוי געמאכט ווערען, אז די גרעסטע צאהל מיטגלידער פון די ביידע יוניאנס זאלען זיך קאנען באטייליגען אין זיי.

*

צוליב דעם איז באשטימט געווארען א ספעציעלע קאמיטע, וועמעס אויפגאבע איז געווען צו פארזארגען די האלס, באלאטבאקסעס, און וועלכע זאל אויך זעהן, אז אי די נאמינירטע קאנדידאטען זאלען זיין עהרליכע אנשטענדיגע מענשען; צום ביישפיל, אז צווישען דיזע זאלען ניט זיין אזעלכע, וועלכע האבען געסקעבט, אדער, וועלכע האבען זיך דורך זייערע האנדלונגען אויף מיטינגען, אלס אמת'ע שונאים פון דער יוניאן ארויסגעוויזען, און אז אי די וואהלען זאלען צוגעהן אזוי עהרליך, ווי מעגליך.

*

דאס איז פון אנפאנג אן פארשטאנען געווארען, אז קיינער איז ניט אויסגעשלאסען פון צו זיין א קאנדידאט אויף אן עקזעקוטיוו באאמטען צוליב זיינע איבערצייגונגען און פרינציפען. איינער מעג זיין א קאמוניסט, אן אנארכיסט, דאס פסל'ט ניט איהם, אלס עקזעקוטיוו באאמטען. די איינציגע באדינגונג איז געווען, אז ער זאל זיין א געטרייער יוניאן מיטגליד.

*

און אזוי האט ווירקליך די עלעקשאן־קאמיטע געהאנדעלט. אויף דער קאנדידאטען־ליסטע זיינען געווען די מעהרצאל, וועלכע זיינען באקאנט אלס קאמוניסטען; אבער ווי באלד זיי האבען ערקלערט זייער געטריישאפט צו דער יוניאן, האבען זיי געפעסט, ווי מען זאגט, דעם עקזאמען.

*

און אלעס האלט אפגעלאפען שעהן און גוט, און עס וואלט שוין איצט געווען נאך די וואהלען, און די פארשיידענע עק־

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל

פון ש. ראַבינאָוויטש

איהר וועט געפינען זעהר ווייניג אַמעריקאַנער ראַדיקאַלען (אַ חוץ, פאַרשטעהט זיך די קאָמוניסטען) וועלכע זאָלען זיין איינשטימיג מיט'ן דריטען אינטערנאַציאָנאַל. עס זיינען שוין אפילו געווען איינינע געגנער־אַרטיקלען אין דער פרעסע. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ דעבאַטע וועגען דעם אין „צוקונפט".

מיט וואָס ערקלעהרט זיך דאָס?

עס קומט אויס אַזוי ווי דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל וואָלט געווען עפּעס אַ ניט וויכטיגע צוטשעפּעניש צום באָלשעוויזם, אַז ער קען אויסקומען גאַנץ פיין אָהן איהם אויך.

נאָר אויב אַזוי, איז צוליב וואָס די גאַנצע דעבאַטע וועגען דעם? און מיר הערען דאָך עפּעס, אַז עס קעהרען זיך וועלטען אין אייראָפּאַ צוליעב דעם דריטען אינטערנאַציאָנאַל.

דער אמת איז, אַז עס איז שוין גאָר קיין צוטשעפּעניש, אַז דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל איז דער עצם פון באָלשעוויזם, זיין גאַנצע טעאָרעטישער און פּראַקטישער זין (בעסער געזאָגט: אונזין).

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, דאָס איז דער גראַנדיעזער פאַנטאַסטישער בנין וואָס די באָלשעוויקעס האָבען פאַר אַן ערך פופצעהן יאָהר געבויט און געבויט און אַם ענדע אויסגעבויט, פאַרענדיגט. און ווי משה רבינו ביים באַרג סיני, אַזוי שטעהט דער באָלשעוויסטישער פיהרער מיט זיינע לוחות אויף וועלכע עס זיינען אויסגעקריצט 21 פונקטען און רופט, און הייסט און דונערט, אַז די וועלט זאָל זיי אָננעהמען, זאָל זיך בוקען צו זיי.

איהר געדענקט, ווי די צייטונגען פלעגען בעשרייבען, ווי אַזוי די גענעראַלען האָבען אָנגעפיהרט זייערע באַטאַליאָנען אויף די שלאַכט פעלדער אין דער וועלט מלחמה?

ערגעץ ווייט ווייט, אין אַן אָפּגעזונדערט אָרט, ווייט פון דער קאַנאָנען־שיסעריי און פון די קרעכצען און פון די זיפצען, שטעהט אַ קליינע געביידע און דאָרט זיצט דער הויפּט גענעראַל מיט זיינע אַדיוטאַנטען. אויפ'ן טיש ליגען אויסגעשפּרייט געאָגראַפישע קאַרטעס. טעלעפאָנען, וואָס האָבען פאַרבינדונגען מיט יעדען פלאַץ פון שלאַכט פעלד. און ער, דער געניאַל, האלט דעם ריסיווער ביים אויער און די אויגען צו דער געאָגראַפישער קאַרט און גיט ארויס בעפעהלען.

עהנליכעס איז מיט'ן דריטען אינטערנאַציאָנאַל.

ערגעץ אין רוסלאַנד, זיצען די קאָמאַנדירען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, אָבגעזונדערט פון דעם טומעל פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, און גיבען ארויס באַפעהלען צו אַלע לענדער, אַז מען זאָל זעהן תיכף ומיד צו מאַכען רעוואָלוציאָנען, און אויב דאָס איז ניט מעגליך זאָל מען דערווייל צוברעכען, צעשטערען די סאָציאַליסטישע, ד. ה. די „רעפאָרמיסטישע", די „סאָציאַל־פּאַטריאָטישע", די „געלע" אָרגאַניזאַציעס. דער איינציגער אונטערשייד צווישען זיי און די מלחמה־גענעראַלען איז וואָס זיי האָבען ניט קיין טעלעפאָן־פאַרבינדונגען מיט דער וועלט, און זיי ווייסען זעהר ווייניג וואָס דאָרטען טהוט זיך.

און זיי דאַרפען עס גאָרניט. וואָס געהט זיי אָן ווי עס געהט דאָרט די אַרבייטער בעוועגונג און ווי שטאַרק דאָרט איז דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס?

זיי האָבען דאָרטען זייערע אַדיוטאַנטען, און זיי דאַרפען און זיי מוזען מאַכען דאָרטען די רעוואָלוציע. דער געדאַנק איז, אַז מען דאַרף אין יעדען לאַנד האָבען אַן אָפּפעריוויליגע, העלדישע קאָמוניסטישע גרופּע, און אַט זיי וועלען דאָס מיט'ן שם המפורש פון זייער רעוואָלוציאָנערען גייסט אָנצינדען די הערצער פון די אונוויסענדע מאַסען, וועלכע וועלען אין איין שעהנעם טאָג פּלוצלונג מאַכען די געווינשטע איבערקעהרעניש.

האָבען דאָך קאָמוניסטען, מען קען זאָגען אַ הייפעלע, געבראַכט די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן (?) אין רוסלאַנד! צווינגען זיי דאָך ארויף דעם קאָמוניזם אויף אַ הונדערט מיליאָנען מענשען, וועלכע ווילען פון איהם ניט וויסען. האלטען דאָך די לייצעס פון אַזאַ גרויסע מדינה ווי רוסלאַנד בלויז פינף מענשען!

טאַ פאַרוואָס זאָל עס ניט קענען געשעהן אין איטאַליען, אין דייטשלאַנד, אין אַמעריקאַ?

אומזיסט האָט זיך סעראַטי אין איטאַליען געבעטען ביי לענין'ען: לאָזט אונז, איך בעט אייך, צורות. מיר קענען ניט מאַכען קיין רעוואָלוציאָן. בלויז אייער פאַנטאַזיע מאַהלט אייך, אַז מיר זיינען שוין אויפ'ן סאַמע שוועל פון דער סאָציאַלער איבערקעהרעניש. איך וואָלט אייך גשמים געוואָלט מתון די טובה, אָבער, גלויבט מיר, אַז מיר קענען ניט.

אומזיסט זיינען געווען זיינע טענות. פערעטעהער, האָט מען איהם גערופען, ארויס פון אונזערע רייהען, האָט מען איהם געשריען. איהר קענט נאָך מטמא זיין אונזער הייליגקייט.

דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיינע 21 פונקטען. דאָס זיינען כללים, ווי אַזוי און ווען צו מאַכען רעוואָלוציאָנען, עס מאַכט ניט אויס וואו, צו אין כינאַ, צו אין ענגלאַנד... און אומעטום געהט דורך דער געדאַנק, אַז קאָנספּיראַטיווע גרופּען, אונלעגאַלע, וואָס זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון לויטער העלדען קענען צו יעדער צייט ארויסרופען אַן איבערקעהרעניש.

און דאַ טרעט ארויס בולט דער רעוואָלוציאָנערער אַריסטאָקראַטיזם, ווי איך וואָלט דאָס אָנגערופען.

מיר וועלען ברײנגען די גאולה פאַר די מאַסען אָבער ניט דורך די מאַסען. די מאַסען פאַרשטעהען ווייניג, ווייסען גאָרניט. מען קען ניט און מען טאָר ניט וואַרטען ביז וואַנען זיי וועלען אייך ברענגען צום סאָציאַליזם. לאָזט די באַוועגונג פאַר די מאַסען, קענען זיי אייך אַריינפיהרען אין אַ גערדיכטע בלאָטע. דענקענדע, קריטישע פּערזאָנען, מיט מוט און געוואַגטקייט דאַרפען נעהמען די איניציאַטיווע. עס דאַרפען זיין משה'ס, וועלכע זאָלען ארויספיהרען דעם פּראָלעטאַריאַט פון דעם קאַפּיטאַליסטישען מדבר, נאָך דורך אַ דיקטאַטור איבער'ן פּראָלעטאַריאַט און איבער דער גאַנצער בעפעלקערונג וועלען מיר קענען קומען צו אונזער אידעאַל*).

אָט דער רעוואָלוציאָנערער אַריסטאָקראַטיזם האָט עס בעשאַפען דעם דריטען אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער פּראָקלאַמירט צו דער גאַנצער אונוויידיגער וועלט: מיר זיינען די משה'ס און מיר וועלען אייך ארויספיהרען פון דעם פאַרפלוכטען מדבר. קומט מיט אונז, טהוט וואָס מיר הייסען אייך!

אָט דאָ ליגט די ערקלעהרונג אויף דער פראַגע, וואָס איך האָב געשטעלט פון אָנפאַנג: פאַרוואָס שטימען ניט איין אונזערע באָלשעוויקעס מיט דעם דריטען אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז די נשמה פון באָלשעוויזם?

ווייל דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל ריהרט זיי גופא שטאַרק אָן. לויט די אינטערנאַציאָנאַל־כללים דאַרפען זיי ווערען קאָנספּיראַטיוו, און אָנהויבען מאַכען רעוואָלוציאָנען. און אַזוי ווי זיי זיינען נאָך דערווייל מענשען מיט נאָרמאַלע חושים גלוסט זיך זיי דאָס ניט צו טהאָן. מילא, זאָגען אונזערע, איהר ביי אייך אין לאַנד קענט טהאָן וואָס אייער האַרץ גלוסט און זאָל אייך וואויל באַקומען, אונז אָבער — טהוט אונז אַ טובה און לאָזט אונז צו רוה. מיר וועלען שוין ווי עס איז מענעדזשען אַליין אונזערע עסקים**).

נאַטירליך, זיינען די מאָסקווער כהנים גדולים אש להבה אויף אַזאַ חוצפה, און מען האָט זיי געשטעמפּעלט מיט די „קאַנטערס".

אַזוי צו אַזוי, ווייטער פון פּלאַטאָנישע ליעבע צום באָלשעוויזם געהען ניט אונזערע באָלשעוויקעס...

עס האלט אָבער שוין דערביי, אַז אויך די פּלאַטאָנישע ליעבע זאָל פאַרשווינדען.

ווי לאַנג עס האָט געהאַלטען ביי דער פּראַקטיקע בלויז אין רוסלאַנד און ביי דער טעאָריע אין די איבעריגע לענדער — איז נאָך אַלץ געווען גוט און וואויל. איצט אַז דער רוסישער קאָמוניזם האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך אָנצופאַנגען ממשות'דיגע אַרבייט אין דער וועלט — האָט זיך גלייך בעוויזען ווי שעדליך ער איז, און דאָס האָט געעפענט פיעלע עהרליכע ענטוזיאַסטישע רעוואָלוציאָנערען די אויגען.

מיר מיינען דעם צוזאַמענברוך פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, גלייך, ווי עס האָט זיך אַזוי קלאָגדיג געענדיגט דער אויפשטאַנד פון די קאָמוניסטען.

די דייטשע קאָמוניסטען זיינען ענדליך געצוואונגען געוואָרען פון דעם מאָסקווער קאָמיטעט צו אָנהויבען מאַכען אַ רעוואָלוציאָן און זיי האָבען געמאַכט***) און די רעזולטאַטען ווייסט מסתמא דער לעזער פון די טעגליכע צייטונגען. „די ניט צייטיגע אינגלאַך", ווי די „פרייהייט" האָט זיך אויסגעדריקט, האָבען פּשוט צוגעגרייט אַ בלוט־באָד פאַר די מאַסען אַרבייטער, און בעשאַפען אַ פרוכטבאַרען באָדען פאַר די פינסטערע רעאַקציאָנערען.

אָט וואָס איינער פון די וויכטיגסטע קאָמוניסטען, דר. לעווי, דער וואָס איז געווען אין דעם מאָנאַט פעברואַר דער פּרעזידענט פון דער פּאַרטיי, איז באַטראַכט געוואָרען פאַר'ן פאָטער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — אָט וואָס ער זאָגט וועגען דער באָלשעוויסטישער שטיקעל אַרבייט:

„דער געדאַנק אָראָפּצוואַרפען די דייטשע רעגירונג מיט רוסישע מיטלען האָט געקענט געבוירען ווערען אין קעפּ, וואָס האָבען ניט דעם שוואַכסטען בעגריף וועגען די באַדינגונגען אין דייטשלאַנד... דער גאַנצער פּלאַן איז אויסגעאַרבייט געוואָרען און דורכגעפיהרט געוואָרען דורך פּאָליטישע בייבים."

זיין פערביטערונג געגען די דייטשע קאָמוניסטען געהט אַזוי ווייט, אַז ער זידלט זיי פּשוט. ער רופט זיי אָן: אונפאַראַנטוואָרטליכע קינדער, ביליגע פּאָליטישענס.

„אפילו גענעראַל לודענדאָרף—שרייט ער אויס צאָרענדיג — איז אַ צדיק געגען זיי. ער האָט קיינמאָל ניט געפיהרט זיינע סאָלדאַטען אויף אַ זיכערע מפּלה און אויף אַ זיכערען טויט. די אויפטהוער פון אויפשטאַנד האָבען זייערע ברידער געפיהרט צום טויט פאַר אַ פאַרשפּילטע זאַך."

די אמת איבערגעגעבענסטע אַרבייטער פיהרער זיינען, נאַטירליך, אַוועק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

קלאַראַ צעטקין, אַראָלף האָפמאַן, ערנסט דוימיג און אָטאָ בראַס האָבען איינגעזעהן, אַז זייער פּלאַץ איז ניט אין דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און זיי זיינען ארויסגעטראָטען פון איהר.

דער באָלשעוויסטישער טשאַר פערשווינדט ביסלעכווייז.

*) אָט דיזע געדאַנקען האָט לענין אויסגעדריקט אין זיין באַריהמטער בראָשורע: „משטאָ דעלאַטש", וואָס איז ערשינען מיט אַ יאָהר 17 צוריק.

**) אין דעם זין האָט געענטפערט די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אויף די אַרויספאָדערונג פון רוסלאַנד.

***) די בערלינער סאָציאַליסטישע צייטונגען דער „פאָרווערטס" און די „פרייהייט" באַשולדיגען די רוסישע באָלשעוויסטישע פיהרער אין אַרויסרופען די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד.

קורצע שמועסן

צווישען דעם רעדאַקטאָר :: און די לעזער ::

ד. פ—ער. — אייער טענה איז, לויט אונזער מיינונג, ניט קיין גערעכטע, ווייל עס איז אַוועק זייט דאַן אַ היבשע ביסעל מאָנאַטען. אין דעם משך פון דער צייט האָבען די אומשטענדען זיך באַדייטענד געענדערט. פאָלגליך קאָן דער ענטפער פון יענער צייט ניט זיין גילטיג פאַר אַלע מאָל. נעקסטעס מאָל, אין פאַל עס וועט זיך אייך פאַרגלוסטען עפּעס צו צושיקען, זייט אַזוי גוט און פרעגט פריהער אָן, אויך וועגען די באַדינגונגען. עס פאַרשטעהט זיך פון זעלבסט, דאָס מיר האָבען צו אייך גאָרניט, פאַר וואָס איהר האָט אונז געשריבען וועגען דעם.

ח. ווילענבערג. — אייער בריף וועט פאַרעפענטליכט ווערען. אָבער צו דער זעלבער צייט ווייסען מיר ניט, וואָרום איהר טענה'ט, אַז ברודער לעווין מוז דוקא דענקען וועגען דעם קלאָוקמאַכער ניט אַנדערש, אַז ער שטעהט נאָך אויף דער זעלבער שטופע פון אַנטוויקלונג ווי מיט 8 יאָהר צוריק. דאָס אַליין איז דאָך אַ שטיק דעמאַגאָגיע, אַז מען קומט צום עולם איהם זאָגענדיג, אַז ער איז איצט גאָר אַ גאַנצער חכם, בעת יענער און יענער האַלט נאָך איהם פאַר דעם זעלבען גולם. דענקט איהר ניט, אַז דאָס איז ניט קיין ריכטיגע וועג צו דעבאַטירען? און ווייסט איהר דען ניט, אַז ברודער לעווין קאָן אַזוי גוט די קלאָוקמאַכער, ווי איהר, און אויב די פּסיכאָלאָגיע פון דעם קלאָוקמאַכער איז ווירקליך אַ גאַנץ אַנדערע, מוז עס וויסען, אַזוי גוט, ווי איהר, ווייל ער האָט, אפשר, געהאַט מעהר געלעגענהייטען, ווי איהר, זיי צו קענען? אַ חוץ דעם איז עס ניט ריכטיג אַריינצולייגען אין איינעמס מויל ווערטער און געדאַנקען, וועלכע ער האָט גאָרניט אַרויסגעזאָגט. וואָס אָנבאַטרעפט דער פראַגע אין אַלגעמיין, דענקען מיר, אַז דאָ איז ניט קיין פראַגע פון פּרינציפּ. די דעמאָקראַטיע ווערט ניט פאַרשוועכט, ווען ביזנעס־אייזשענטס ווערען אַפּאָינטעט, פּונקט, ווי די דעמאָקראַטיע ווערט ניט געראַטעוועט, ווען ביזנעס־אייזשענטס זאָלען אויסערוועהלט ווערען. די פראַגע איז נאָר וואָס איז בעסער פאַר דער יוניאָן. וועלכע מעטאָדע איז מעהר פּאַסענד אין דעם געגעבענעם פאַל, און לויט אונזער שכל איז די איצטיגע מעטאָדע פון אַפּאָינטמענטס אַ פיל בעסערע. דאָס מיינט ניט צו זאָגען, אַז די מעטאָדע איז שוין אין גאַנצען פאָלקאָמען, און אַז ס'קאָנען ניט זיין קיין מיסברויכונגען. ניין, מיר קאָנען זיך פאָרשטעלען, אַז אין מאַנכע פעלע האָבען די אָפיסערס פון דער יוניאָן מיסברויכט זייער מאַכט, דאָך שיינט אונז, אַז די מעטאָדע איז פאָרט אַ בעסערע, ווי די, וועלכע איז געברויכט געוואָרען פאַר אַ לענגערע צייט, און איז אויסגעפונען געוואָרען אַלס אַ זעהר, זעהר פעהלערהאַפטע.

מ. וואַלאַך. — אָט דאָס מאַקע האָט אונז געוואונדערט, ווי קומט עס, וואָס אַ מענש, אַ לעזער, וועלכער לייענט אַ געוויסען שרייבער, דאַכט זיך, יאָהרען לאַנג, זאָל שוין פון דעם אָרט שרייבען אַליין ניט דערקענען דעם שרייבער? עס איז איינס פון די ביידע: אָדער דער לעזער איז גאָר אַ קנאַפּער מבין אויף דאָס, וואָס מען רופט סטיל, אָדער דער שרייבער איז לא עליכם פון יענע שרייבער, וואָס האָבען גאָרניט קיין אייגענעם סטיל.

מ. ק. — אמת, מיר האָבען אייך צוגעזאָגט עס צו פאַרעפענטליכען, אָבער מיר האָבען אייך ניט צוגעזאָגט, ווען דאָס וועט געשעהן. און דערפאַר, איידער מיר האָבען נאָך די ערשטע פאַרעפענטליכט, האָבען מיר ניט געפונען פאַר נויטיג צו לייענען דאָס, וואָס איהר האָט לעצטענס צוגעשיקט. און מיר קאָנען אייך ווירקליך ניט ענטפערען אויף זיי. מיר בעטען אייך אונז מעהר גאָרניט צו צושיקען, ביז איהר וועט זעהן די ערשטע פאַרעפענטליכט.

לאָקאַל 123, פּעטערסאָן. — איהר שרייבט אין אייער דאַנק־בריף צו אייער באַאַמטען, וואָס פאַרלאָזט אייך, אַז „ביזנעס צווינגט איהם צו פאַרלאָזען די יוניאָן", ווילען מיר וויסען, וואָס איז עס פאַר אַ ביזנעס. שטעלט זיך פאָר, אַז אייער באַאַמטער האָט פאַרלאָזען די יוניאָן, און איז געוואָרען אַ מאַנופעקטשורער. דענקט איהר ניט, אַז עס קאָן קומען אַמאָל אַ צייט, ווען דער יוניאָן זאָל פאַרדריסען ניט נאָר, וואָרום זי האָט איהם באַדאַנקט, נאָר וואָרום אַזאַ מענש איז גאָר געווען אַ יוניאָן־באַאַמטער! דערפאַר האָבען מיר אייער בריף צוריקגעהאַלטען פון דער עפענטליכקייט. ווילט איהר עס אָבער דורכאויס זעהן פאַרעפענטליכט, בעטען מיר אייך צו שרייבען אונז גאַנץ קלאָר, וואָס איז עס פאַר אַ ביזנעס, וועלכע האָט געצוואונגען אייער באַאַמטען צו פאַרלאָזען אייער יוניאָן.

איזי אַדלער. — כדי די ברידער זאָלען וויסען, וואָס עס קומט פאָר אין אַ געוויסען שאַפּ, און, ווי מען אַרבייט דאָרט גאָרניט לויט די רולס פון דער יוניאָן, דאַרפט איהר זיך ווענדען דירעקט צו דער יוניאָן, צו אייערע באַאַמטע, זאָלען זיי עס אונטערזוכען. און אין פאַל זיי זאָלען אויסגעפינען, אַז איהר זייט גערעכט, זיינען מיר זיכער, אַז זיי וואָלטען גענומען די נויטיגע שריט געגען יענע אַרבייטער. מיר אָבער זיינען ניט אין שטאַנד צו אונטערזוכען די גאַנצע אַנגעלעגענהייט, און דערפאַר קאָנען מיר אייער בריף ניט פאַרעפענטליכען.

ל. פּלאַטאָווסקי. — פאַר די אַדווערטייזמענטס אין דער צייטונג, שטאַרק, ווי עס ווערט אָפּגעהיט, אַז עס זאָלען ניט אַריין קיין פייק־אַדווערטייזמענטס, קאָן די רעדאַקציע ניט זיין פאַראַנטוואָרטליך. וואָס אָנבאַטרעפט דעם אַדווערטייזמענט, וועגען וועלכען איהר שרייבט, שיינט ער אונז צו זיין אַ גאַנץ כשר'ער. אייער טענה, אַז מען זאָל אָנגעבען דעם מאַקסימום, איז ניט קיין ריכטיגע. עס איז גאָר קיין שיעור ניטאָ, וויפיל געלט ס'וועט זיך נויטיגען פאַר די אויפריכטונג פון דעם שטאַרק פאַרלאָזענעם לאַנד. די מענשען, וועלכע זיינען זיך מתעסק מיט דעם, זיינען מעהר אָדער ווייניגער באַקאַנט, אַלס עהרליכע מענשען, יעדענפאַלס ניט אַלס אַזעלכע, וועלכע זאָלען וועלען מאַכען דערפון אַ ביזנעס פאַר זיך. אייער פאַרגלייך מיט רוסלאַנד הינקט אַ ביסעל אונטער. דאָרט איז ניט די פראַגע וועגען געלט, און קיינער פאָדערט פון זיי ניט קיין חשבון, דאָרט האַנדעלט זיך אום פּרינציפּען און מעטאָדען.

באַרנעט קאַהען. — עס טרעפט, כאָטש גאַנץ זעלטען, אַז אַ רעפּאָרט פון אַן אַפיס געהט ניט אַריין אין דער צייטונג די זעלבע וואָך, ווען ער ווערט צוגעשיקט, אָבער מיר גלויבען ניט, אַז אימיצער זאָל דערפון ליידען. די סאַמע וויכטיגסטע רעפּאָרטען ווערען גלייך פאַרעפענטליכט. וואָס אָנבאַטרעפט אייערע טענות וועגען ניט קריגען באַצאָהלט פאַר אָווערטיים, וועגען דאָס אַרויסשיקען פון דער אַרבייט אויטסייד, וועגען די געטריישאַפט צום באָס פון אַ געוויסען קאַטער, דענקען מיר ניט, אַז דאָס דאַרף פאַרעפענטליכט ווערען אין דער „גערעכטיגקייט". איהר פאַרשטעהט, אַז מען טאָר ניט אַזוי מיר־ניט דיר־ניט פאַרשוואַרצען אַ מענשענס נאָמען. אפשר איז ער גאָרניט אַזוי אומגערעכט, ווי איהר גלויבט, אַזאַ זאַך דאַרף אונטערזוכט ווערען און דאָס איז די אַרבייט פון דער יוניאָן און איהרע באַאַמטע. צו וואָס האָט איהר דען אַ יוניאָן, אויב ניט פאַר דעם. אין דער „גערעכטיגקייט" קאָנען נאָר איבערגעגעבען ווערען גאַנץ קלאָרע אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטען איבער דער לאַגע אין טרייד, אַנדערע, וועלכע דאַרפען אונטערזוכט און באַשטעטיגט ווערען, געהען ניט צו דער עפענטליכקייט, זיי מוזען צוערשט באַשטעטיגט ווערען.

ל. פ. ג. — מיר האָבען איבערגעלייענט אייערע צוויי געדיכטע מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, אָבער לײדער האָבען מיר ניט געפונען אין איינציגע שורה, וועלכע זאָל אונז באַרעכטיגען צו געבען אייך מוט אַנצוגעהן מיט דעם. מיר גלויבען, אַז עס איז אַ שאָד אייער צייט און מיה. די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען זיינען שוין צו באַקאַנט, און די אָרט און ווייזע, ווי איהר דריקט אויס די אַלטע געדאַנקען, איז זעהר אַן אומבאַהאָלפענע, עס פיהלט זיך, ווי שווער עס איז אייך אָנגעקומען יעדער גראַם. ניין, בעסער גיט עס אויף. פּרובירט, אויב איהר ווילט, אָנשרייבען עפּעס אין פּראָזע, אפשר וועט עס אייך בעסער געלינגען.

דזשאַזעף לעווין. — שטעלט אייך פאָר, מיר פאַרעפענטליכען אייער בריף, וואָס וואָלט געווען דער פועל יוצא? מיר וואָלטען גלייך געקראָגען אין דער קומענדער וואָך פילע בריף פונקט פון אַן ענטגעגענזעצטער מיינונג, און די גאַנצע אַנגעלעגענהייט וואָלט אַלץ געבליבען אַזוי פאַרפלאָנטערט, ווי איצט. איהר אַליין פּראָטעסטירט, וואָרום מען האָט זיך פאַרנומען מיט אַזאַ פראַגע אין דער צייט פון דעם מיטינג פון דער עקזעקוטיווע, ווייל די גאַנצע פראַגע איז נאָר אַן אויסגעבלאָזענע צוליב פערזענליכע צוועקען, דאָך פאַרלאַנגט איהר, אַז מיט דער זעלבער פראַגע זאָלען מיר פאַרנעמען

צום אנדענקען פון אן עדעלען מענש און פרייהייטס־קעמפער

פון ל. פינקעלשטיין.

פרייטאג, שפעט ביי־נאכט, דעם 30טען אפריל, 1921, איז געשטארבען אין ניו יארק דר. הלל זאלאטאראף, איינער פון די עדעלסטע פרייהייטס־קעמפער, וועמעס הארץ האט תמיד געשלאגען פאר די אונטערדריקטע און פארשקלאפטע ארבייטער־מאסען. ער איז געשטארבען אין עלטער פון 56 יאהר, פון א הארץ קראנקהייט, פון וועלכער ער האט געליטען פאר פיעלע יאהרען.

דר. ה. זאלאטאראף שטאמט ניט אפ פון א רייכער, אריסטאקראטישער פאמיליע. זיין פאטער איז געווען א שניידער, אבער אן ענטוויקעלטער ארבייטער, א אידעאליסט. ער האט געוואוינט אין יעליסאוועטגראד, כערסאנער גובערניע, אין רוסלאנד. ער האט באלאנגט צו דער ארגאניזאציע „בראטסטווא" (ברידערליכקייט), וועלכע יעקב גארדין האט דארט געגרינדעט.

אין יאהר 1882 זיינען די זאלאטאראפס געקומען קיין אמעריקא. דאס איז געווען נאך די ערשטע פאגראמען אין דרום־רוסלאנד און באלד נאך די ערשטע אידען באגרענצונגען אין רוסלאנד, ווען עס זיינען ארויסגעגעבען געווארען די צייט־ווייליגע אויסנאמס געזעצען. אין יענער צייט האט זיך אנגעהויבען א באוועגונג צווישען די אידען אויסצוואנדערען פון רוסלאנד.

אין אמעריקא האט דער יונגער זאלאטאראף זיך גענומען פלייסיג לערנען. דער פאטער האט געארבייט און געלאזען דעם זון לערנען.

אבער ניט מיט לערנען אליין, צו שאפען פאר זיך א קאריערע האט זיך דער יונגער זאלאטאראף אפגעגעבען. גאנץ פריה האט ער דערפיהלט די אומגערעכטיגקייט, וואס ווערט באגאנגען אין דער קאפיטאליסטישער וועלט קעגען די פראדוצירער פון אלע רייכטימער, און ער איז, נאך אין זיין פריהער יוגענד, געווארען א הייסער פארקעמפער פון די אונטערדריקטע און פארשקלאפטע ארבייטער־מאסען. ער איז געווארען אן אנארכיסט־קאמוניסט, און דעם אידעאל האט ער געהאלטען הייליג און טייער זיין גאנצען לעבען. אין דער צייט ווען ער האט געלערנט זיך פאר דאקטאר מעדיצין, האט ער אויך פיעל שטודירט די סאציאלע וויסענשאפטען און ער איז געווארען א באליעבטער שרייבער און רעדנער פאר דעם אנארכיסטישען אידעאל. און ער איז קיין מאל ניט מיעד געווארען צו שרייבען און רעדען פאר דעם אידעאל פאר א משך פון פיעלע יאהרען. אט דיעזע ארבייט האט ער געטאן מיט גרויס ליבשאפט, דאס איז געווען זיין גאנץ לעבען.

מיט א יאהר דרייסיג צוריק, ווען דא אין ניו יארק האבען זיך גענומען גרינדען די ערשטע אידישע טרייד־יוניאנס, איז דער יונגער זאלאטאראף געווען איינער פון די פייערדיגסטע רעדנער, וועלכער האט געוועקט די אידישע ארבייטער און זיי גערופען זיך פאראייניגען אין קאמף קעגען די באלעבאטים. דאס האט ער אויך געטאן מיט דער פעדער. ער איז געווען א מיטארבייטער אין די ערשטע אנארכיסטישע צייטשריפטען, וואס זיינען ערשינען, פריהער אין דער „ווארהייט" און נאכדעם אין דער ערשטער „פרייער ארבייטער שטימע", וואס איז ערשינען אונטער דער רעדאקציע פון דעם פארשטארבענעם פאעט דוד עדעלשטאט. אין יענע צייטונגען זיינען געדרוקט געווארען פיעלע באלערנדע ארטיקלען פון דר. ה. זאלאטאראף איבער אנארכיזם און טרייד־יוניאניזם, אין וועלכע ער האט גערופען די אידישע ארבייטער צו אייניגקייט, און צום קאמף קעגען אלעם, וואס איז שלעכט און פארדארבען אין דער איצטיגער וועלט. ער האט געפרעדיגט די אויפבויאונג פון א פרייער געזעלשאפט; א געזעלשאפט, וואס זאל זיין באזירט אויף פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט", וואו איין מענש זאל ניט אונטערדריקט ווערען פון א צווייטען.

עס איז דא וויכטיג צו דערמאהנען ניט נאר וואס ער האט געטאן, נאר ווי אזוי ער האט עס געטאן. אלעס, וואס ער האט געטאן פאר דער ארבייטער באוועגונג, אזוי גוט ווי דאס, וואס ער האט געטאן פאר דער אנארכיסטישער באוועגונג, צי מיט'ן רעדען, צי מיט'ן שרייבען, — האט ער אימער געטאן מיט דער גרעסטער איבערגעבענהייט, מיט'ן גרעסטען פלאקער פון זיין ווארים הארץ, און פון זיין ליכטיגער נשמה. מיט זיין שטענדיגער באגייסטערונג פאר דעם גרויסען אידעאל פון אן אמת פארברידערטער מענשהייט, האט ער אויך אנדערע באגייסטערט און זיי טעטיג געמאכט אין דער ארבייטער באוועגונג.

דר. ה. זאלאטאראף איז תמיד געווען א פייערדיגער רעוואלוציאנער. זיינע איבערצייגונגען האט ער קיין מאל פון קיינעם ניט אויסבעהאלטען, — ווי ער האט געפיהלט און געדענקט, אזוי האט ער גערעדט, אזוי האט ער געפרעדיגט צו זיינע מיטמענשען.

אין די ערשטע יאהרען פון זיין רעוואלוציאנערער טעטיגקייט, איז ער געווען א קאסמאפאליט, אן אינטערנאציאנאליסט. אבער דער שוידערליכער פאגראם אין קישינעוו האט אויף איהם געמאכט א געוואלדיגע ווירקונג, און ער האט געביטען זיין מיינונג אין בעצוג די נאציאנאלע פראגע. ער איז געווארען א אידישער נאציאנאליסט.

און ער האט זיין נייעם שטאנדפונקט פון קיינעם ניט באהאלטען. ער איז גאנץ מוטיג ארויסגעטראטען אין דער עפענטליכקייט מיט זיין נייער איבערצייגונג אין נאציאנאלען זין און מיט גרויס פייער גענומען פארטיידיגען זיין נייע פאזיציע.

זיינע פריינט און פארהערער אין דער אנארכיסטישער באוועגונג האבען דאס דעמאלט געהאלטען פאר א „רעאקציאנערען" שריט, פאר א טריט צוריקוועגס אין דעם סאציאלען קאמף. אבער איהם האט עס ניט דערשראקען; עס האט איהם בלויז שטארק וועה געטאן, וואס זיינע פריינט און גענאסען האבען ניט געוואלט מיטגעהן מיט איהם אויף דעם נייעם וועג, און איהם מיטהעלפען אין דער פראפאגאנדא פאר דעם נאציאנאל־געדאנק. דאס האט איהם זעהר, זעהר וועה געטאן.

דורך זיין נייער באקערונג צום נאציאנאליזם איז ער געקומען אין בארירונג מיט אנדערע מענשען, מיט טוהער פון אנאנדער באוועגונג, מיט מענשען פון אנדערע לאגערען, וואס האבען געהאט פאליטיש אנדערע וועלטאנשויאונגען, און דירעקט אדער אונדירעקט האבען זיי אודאי געוואלט ווירקען אויף איהם, ער זאל ווערען אין גאנצען זייערער; ער זאל אויך אננעהמען זייער פאליטישע געזינונג, זאל געהן מיט זיי אויפ'ן פאליטישען געביט, פונקט ווי ער איז מיט זיי אוועק אויפ'ן נאציאנאלען געביט. דאס אבער, האבען זיי ביי איהם בשום אופן ניט געקאנט פועל'ן! פאליטיש איז ער פארבליבען דערזעלבער ווי פריהער. ער איז פארבליבען דערזעלביגער אנארכיסט און רעוואלוציאנער ווי ער איז עס געווען איידער ער איז געווארען א מיטקעמפער פאר'ן נאציאנאלען געדאנק; ווי ער איז עס געווען איידער ער איז געקומען אין נאהענטער בארירונג מיט די פועלי ציון, אדער אנדערע נאציאנאלע טוהער, וועלכע ארבייטען פאר דער אויפלעבונג פון דער אידישער נאציאן. ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען איז ער שטאלץ געווען מיט זיין פאליטישער איבערצייגונג; דער אנארכיסטישער אידעאל איז ביי איהם טייער געווען דאס גאנצע לעבען, אין דער הינזיכט האט ער זיך אויף א האר ניט געביטען.

ער האט זיך אויך ניט געביטען אין רעוואלוציאנערען זין.

אין דער אידישער נאציאנאלער באוועגונג זיינען דא נאך אנדערע טוהער, וועלכע זיינען אמאל געווען סאציאליסטען און פריידענקער און היינט געהען זיי אין שוהל און שפרינגען קדוש גלייך מיט אלעמען, צו זיי גלויבען אין דעם צו ניט.

דאס האט קיינמאל ניט פאסירט מיט דר. הלל זאלאטאראף. ער איז פארבליבען דערזעלביגער פריידענקער, ווי ער איז עס געווען פריהער, ווען ער איז געווען א אינטערנאציאנאליסט. דאס ווייזט וואסערע שטארקע איבערצייגונגען ער האט געהאט, וואסער'ן פעסטען כאראקטער ער איז באזעסען, דאס די נייע סביבה אין וועלכער ער האט זיך געפונען פאר פיעלע יאהרען האט ניט געקאנט האבען די ווירקונג אויף בייטען זיינע גרונד־פרינציפען, מיט וועלכע ער האט זיך איינגעלעבט פון זיין פריהסטער יוגענד. ער איז געשטארבען דערזעלביגער פריידענקער, ווי ער איז עס געווען אין זיינע יונגע יאהרען.

און אפילו אין זיין נאציאנאליזם איז ער אויך געווען אנדערש ווי די אנדערע נאציאנאליסטען. זיין נאציאנאליזם איז געווען א סך עדעלער און א סך ברייטער, ווי פון די אלע אנדערע נאציאנאליסטען. עס איז ניט געווען ביי איהם קיין זכר פון דעם שאוויניזם וואס מען זעהט אפילו ביי מאנכע פון די „פרייע" פארקעמפער פונ'ם נאציאנאלען געדאנק. ער איז אין זיינע לעצטע יאהרען טעטיג געווען צו העלפען שאפען א היים פאר'ן אידישען פאלק, אין דערזעלבער צייט אבער האט זיין הארץ אמת געבלוטעט פאר די אונגערעכטיגקייטען וואס ווערען באגאנגען קעגען די אנדערע פעלקער פון דער וועלט. זייענדיג א הייסער אידישער נאציאנאליסט איז ער אבער פארבליבען דערזעלביגער הייסער פריינד פון דעם אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט איבער דער גאנצער וועלט, איז ער פארבליבען א הייסער פריינד פון די פראלעטארישע מאסען, פון אלע פעלקער און אלע נאציאנען.

אין זיין פערזענליכען, ווי אין געזעלשאפטליכען לעבען, איז ער געווען א וואונדערבארער פריינד, א איבערגעגעבענער חבר, און אלע זיינע באקאנטע האבען איהם אמת ליעב געהאט. אויף דר. זאלאטאראף האט קיינער ניט געקאנט טראגען א שנאה אין הארצען. מען האט געקאנט זיין מיט איהם ניט איינשטימיג, דעבאטירען מיט איהם, אבער איהם פיינט האבען, זיך קריגען מיט איהם — דאס ניט.

ער איז אויך געווען א ליידענשאפטליכער ליעבהאבער פון ליטעראטור און קונסט. ער האט זעהר פיעל געלעזען און געלערנט וואס אנדערע האבען געשריבען, טראץ דעם, וואס ער איז זיין גאנצען לעבען געווען פארנומען אליין מיט שרייבען. ער איז געווען פון נאטור אליין א קינסטלער, האט פארמאגט א רייכע פאעטישע נשמה און ליעב געהאט אהן א שיעור אלע זיינע ליטעראריש און וויסענשאפטליכע שאפונגען. ווי א פיש קאן ניט לעבען אהן וואסער, אזוי האט ער ניט געקאנט לעבען ניט צו שרייבען, ניט צו שאפען אויף אירגענר וועלכען געביט. און געשריבען האט ער ליעדער, סקיצען און ערצעהלונגען, פובליציסטישע ארטיקלען איבער פארשיידענע פראגען און אויך דראמען.

מיט דער אידישער ביהנע האט ער זיך באזונדערס אינטערעסירט און האט תמיד געזוכט צו העלפען דערהויבען דאס אידישע טעאטער צו א העכערע מדרגה. נאכ'ן טויט פון יעקב גארדין האט ער זיך גענומען שאפען ליטערארישע דראמען פאר'ן אידישען טעאטער. און איינינע פון זיי זיינען געשפילט געווארען.

קורץ, ער איז געווען אן אלזייטיגער מענש, מיט א סך טאלענט און איז כסדר פארנומען געווען מיט זיינע שאפונגען, ביז דער לעצטער מינוט פון זיין טעטיגען לעבען. מיט זיין טויט האט די מענשהייט פארלארען, ניט נור א הייסען פרייהייטס־קעמפער, א לערער און אגיטאטאר, פון אלץ וואס איז שעהן, גערעכט און יושר'דיג, נאר אויך א געזעלשאפטליכען טוהער און עדעלען, ליעבעסווירדיגען מענשען.

עהרע זיין ליכטיגען אנדענקען!

א אינדזשאנקשאן געגען אונזער אינטערנעשאנאל פון א נייעם סארט

(שלוס פון זייט 1)

און ער האט דעם פערלאנג פון דער פירמע צוריקגעוויזען.

פאר דער פירמע איז אויפגעטראטען דער זעלביגער לאיער וואס האט זיך געמאכט פאר זיין לעבענס־ווערק צו „פארניכטען די אידישע יוניאנס". דער לאיער מוז זיין א גלגול פון עפעס אן אלטען סטרייק־ברעכער, און עס ציהט איהם ווי מיט א מאגנעט צו דיזער טונקעלער ארבייט. אט דער לאיער איז ווידער אמאל אויפגעטראטען אין קארט מיט דער טענה פון ברעכען די „אינדיווידועלע קאנטראקטען", וואס די פירמע האט מיט די פאר ארבייטער וואס ארבייטען אלס סטרייקברעכער אין יענעם שאפ.

די טענה איז טאקע דעם לאיער'ס אן אייגענע „ערפינדונג". די פירמען וואס זיינען אין סטרייק מאכען כלומר'שט „אינדיווידועלע קאנטראקטען," מיט די פאר סקעבס וואס זיי קריגען צו דער ארבייט, און נאכדעם פארלאנגט אט דער לאיער, אז די קארטס זאלען איהם געבען אינדזשאנקשאנס, צו פארוועהרען די יוניאן פיקעטען דעם שאפ, כדי עס זאלען, חלילה, ניט פארלעצט ווערען יענע „אגריימענטס" מיט די סטרייק־ברעכער.

מאריס הילקוויט און מאריס ראטענבערג, די לאיערס פאר דער יוניאן, האבען נאטירליך, ניט פארפעהלט אין געריכט צו באווייזען, ווי לעכערליך עס איז אזא טענה. זיי האבען אנגעוויזען אז יענע „קאנטראקטען" האבען ניט קיין ווערט, און אז זיי ווערען איבערהויפט געמאכט כדי דער מאנופעקטשורער זאל קאנען פארלאנגען אן אינדזשאנקשאן. ריכטער מעקוואי האט איינגעזעהן די ריכטיגקייט פון דער זאך און האט דער פירמע דעם אינדזשאנקשאן ניט געגעבען.

דאס מיינט אבער ניט, אז די אינדזשאנקשאן מגפה איז שוין פאראיבער. דער זעלביגער לאיער וועט נאך זוכען מזל ביי אנדערע ריכטער. דאס איז דאך זיין געשעפט, וואס דען זאל ער טאן? וואס טוט ניט א איד צוליעב פרנסה?...

קום ארויס אין פעלד, געליבטע...

(פעליעטאן)

פון י. אדלער.

קום ארויס אין פעלד, מיין טייערע; קום ארויס, מיין געליעבטע. זעה, ווי עס גרינען די לאנקעס; זעה, ווי עס בליהט און עס שפראצט און עס לעבט.

הערסט, ווי עס טראגט זיך אין דער לופטען א שטילער זיסער קלאנג? הערסט, ווי די נאטור יום־טוב'ט, און איבער בארג און טהאל צוגיסט זיך און צופלייצט זיך א ליעבעס־ליעד?

קום ארויס אין פעלד, מיין טייערע, מיין געליעבטע. קום און היל איין דיין גוף אין א לייכט־ראזעווע קלייד, באקראנץ דיין שטערען און דיין גאלד־געלאקטען קאפ מיט מירטען און ערשט געעפענטע רויזען.

זעהסט, מיין טייערע, ווי די זון מיט איהרע גאלדענע פינגער נעהמט ארום דעם בלויען טיפען הימעל און זי צוטרייסעלט איהרע גאלדענע סטרונעס איבער דער ערד, פונקט ווי דו, מיין טייערע, צולאזט די גאלדענע לאקען דיינע איבער מיין קאפ.

זעהסט, ווי עס פליהען אום אין דער לופט דריבנע ליכט־פונקען און וואס נידעריגער צו דער ערד, אלץ געדיכטער דער פונקען־רעגען?

און די ערד שמעקט מיט פרישקייט, מיט געבורט; און אויף יעדעס בלעטעל הענגט א טראפען טהוי, ווי א מלאך'ס טרער...

קום, מיין געליעבטע. לאמיר ארום געהן אהן א באשטימטען ציעל צווישען די בוימער און גראזען און שעפען נחת פון די שענקייט. און אויפזוכען וועלען מיר א שטיל ווינקעלע ערגיץ הינטער א פעלז אדער אין א טונקעלען וואלד און ארומנעהמען וועל איך דארט דיין צארטען שלאנקען גוף און דיך צוטוליען צו מיר. און אנלעגען דיין קאפ וועסטו אויף מיין אקסעל און אזוי וועלען מיר חלום'ען, חלום'ען דעם גרויסען חלום פון אייביגע ליעבע...

דעמעלט וועלען זיך דיינע אויגען אנצינדען מיט א פרייערנס־פייער.

שא. הערסטו דאס רופען פון דער קוקוקע? און עס ענטפערט איהר א צווייטע, א דריטע, און אזוי געהט דאס רופען פון איין בוים צום צווייטען, פון איין בארג צום צווייטען, פון איין וואלד צום צווייטען?

עס דאכט זיך אויס, אז דאס פרעהליכע רופען נעהמט ארום די גאנצע ערד.

קום, מיין טייערע, קום ארויס אין גרינעם פעלד און לאמיר פייערען דעם גרויסען פריהלינגס־יום־טוב.

אויף דער שויס פון דער ערד וועלען מיר זיצען און דארטען אפהיטען די רייכקייט פון אונזערע הערצער און די הייליגקייט פון אונזערע נשמות.

קום, מיר וועלען דארטען שפאצירען פריי און לוסטיג, ווי די [illegible] קאטשען זיך ארונטער פון די הויכע בערג...

טייערע! זעהסט, אט דארט, דעם הויכען בארג? זעהסט ווי ער שטעהט מיט גדלות און קוקט צום הימעל? זעהסט ווי ער וויל מיט זיין קאפ די זון דערגרייכען?

קום, מיר וועלען אויף דעם הויכען בארג ארויפקלעטערען, און מיר וועלען זיין קאפ באשטייגען און דעמאלט וועלען מיר זיין נעהענטער צו דער זון, ווי ער...

קום, די גרינע סטעזשקע וועט אונז אהין פיהרען. און אויב די סטעזשקע וועט זיך ענדיגען און מיר וועלען פארבלאנזשען, וועט זיין נאך בעסער... דאס בלאנדזשען מאכט רייכער די פאנטאזיע, הויבט העכער דעם גייסט, מען ווערט העלדישער.

איך ליעב די בערג, טייערע. דארטען וואוינען די ווינטען. און די ווינטען וועלען אונז אויפנעהמען אויף זייערע פליגעל און באגלייטען אונזערע טריט מיט זייערע נגונים...

קום, מיר וועלען אנקומען אויפ'ן בארג פארנאכט. אין די טהאלען וועט שוין די טונקעלהייט זיין אויסגעשפרייט און דער לאנגער שאטען פון בארג וועט ארומפויזען, און איבער אונזערע קעפ וועלען זיך צוגיסען רויטע פייערען, און זעהען וועלען מיר, ווי די זון נעהט אונטער, כדי צו קענען אויף מארגען ווידער אויפגעהן...

מיר וועלען זיך איינהערען צו דעם אנקומען פון דער נאכט און מיט דער נאכט איינאטעמען תפלה טאן...

מיר וועלען דאס ערשטע שטערענדעל באגריסען.

קום, געליעבטע מיינע, ארויס אויף די גרינע פעלדער...

עלעקשאנס אדער אפוינט־מענטס?

(שלוס פון זייט 6).

דלען אין געוויסע פעלע, אדער ווען עס קומט פאר איין סכסוך מיט׳ן בעל בית און דער ביזנעס איידזשענט איז דער וואס דארף דעם סכסוך שליכטען, איז געננג קאמפעטענט אויסצוקלייבען זיינע פארטרעטער. אין אנדערע ווערטער איך האב גענוג צוטרויען צו די מעמבערשיפ נאכדעם ווי זייענדיג יוניאנלייט פאר די לעצטע צעהן יאהר, האבענדיג פאר דער צייט גענוג מיטגעמאכט צו זיין פאסענד און עהרליך גענוג אויסצוקלייבען די בעסטע און פעהיגסטע מענשען זיינע אינטערעסען צו פערטרעטען. ניין, דעם פראסטען מעמבער אינטערעסירט ניט קיין פאליטיקס. אלעס וואס ער וויל איז צו זעהן דעם טרייד בעסער און שטארקער ארגאניזירט, ער זאל קאנען א לעבען מאכען. אויב די עלעקשאנס זיינען ניט געווען אזוי ריין ווי עס דארף זיין, דארף מען מאכען א „קלינינג" אבער אויף קיין פאל ניט אונטערברעננען. עס ווענדעט זיך אן אייך, די וואס פארטיידיגען א רעאקציאנערען סיסטעם צו ברעננען בעסערע און שטארקערע ארגומענטען און ניט די וואס זאגען, אז דער עקספערימענט האט איבערצייגט אז די אפאינטמענט סיסטעם האט ניט געבראכט די געווינשטע רעזולטאטען וואס מען האט ערווארטעט פון איהר.

הײמאן בלאסבערג,

מעמב. לאק. 23.

אמאלגאמייטעד קלאדינג סיסטעם
א קאאפעראטיווע אונטערנעמונג

געפיהרט פון די
קליידער ארבייטער אין ניו יארק
קויפט דירעקט פון די ארבייטער!
העלפט באקעמפען דעם „אפען שאפ"!
סוטס און אווערקאוטס
פארטיגע און צו ארדער פון
די בעסטע וואלענע וואארעס
$32 TO $50
דער קאאפעראטיווער פלאן שאפט אפ
ניט־נויטיגע אויסגאבען און פראפיטען.

אמאלגאמייטעד קלאדינג סיסטעם
827 בראדוויי, צווייטער פלאר

יעקב גלאטשטיין
איז דער נאמען פון א בוך, וואס
דערשיינט איצט אין
פארלאג „קולטור"
FARLAG "KULTUR"
48 Canal St., New York.

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לעאנארד פרעס
42 איסט 23טע סט., ניו יארק

דעזיינערס פאר פרויען קליידער ווערען זעהר פיעל פערלאנגט!

ליכט צו לערנען און פיעל געלד צו פארדינען!

הונדערטע לייטע האבען שוין אויסגעלערנט אונזער מעטאדע און יעצט פערדינען די פיעל געלד.

נעהמט איצט א קורס
— אין די —
מיטשעל סקול
אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער. א קורס אין מיטשעל סקוהל מיינט א באלדיגע פאזישאן און גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקול איז נארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליידער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען. נייע סיסטעמען. בעסטע מעטאדען. בעסטע רעזולטאטען. פריוואט אונטערריכט אין אידיש. טאג און אבענד קלאסען. גוטע בעדינגונגען.
שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט, דעמאנסטריישאן און פולע אויסקינפטע.
אבענד קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

MITCHELL DESIGNING SCHOOL
912-920 BROADWAY (Cor. 21st), NEW Y
Phone, Stuyvesant 8383
Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.

קלאוק פינישערס יוניאן, לאקאל 9
אויפמערקזאם.
רעגעלע סעקשאן מיטינגען
וועלען אפגעהאלטען ווערען
מיטוואך, דעם 18טען מאי
אין פאלגענדע האללס:

דאון טאון: — פלארענס בילדינג, ערשטע סטריט און צווייטע עוועניו.
הארלעם: — א. ר. בילדינג, 143 איסט 103טע סטריט.
בראנקס: — לאנדאן קאסינא, 3875 דריטע עוועניו.
לידים ברענטש: — אין אפיס בילדינג, 228 צווייטע עוועניו.
בראנזווילער ברענטש: — וועט מיטען שבת, 19טען מאי, אין לייבאר לייסעאום, 229 סעקמאן.

וויכטיגע פראגען פון טרייד וועלען ביי דיזע מיטינגען פארהאנדעלט ווערען. קיינער פון אייך טאר ניט פעהלען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9
איזידאר סארקין, מענעדזשער.

נ. ב. מיר ווילען ציהען אייער אויפמערקזאמקייט אז די יוניאן ביכלעך וועלען געסטעמפט ווערען ביי דיזע מיטינגען. האט אייער ביכעל מיט זיך.

קארפעט קלינינג

אלע קארפעטס געקלינט פאר
8 סענט א יארד
ראגס פון 10 ס. און העכער
פרייע סטארעדזש דורך די זומער מאנאטען.
ווארפט ניט ארויס אייערע אלטע קארפעטס!
עס מאכט ניט אויס אין וואס פאר א צושטאנד זיי זיינען. מיר ווע[..]ען ארויסנעמען יעדען שפור פון שטויב און מאכען אייערע קארפעטס ווי ניי

PERFECT CARPET CLEANING CO.
E. Tremont Ave. and 180th St., N. ..
Tel. 1522-1523 Westchester

נוצט אויס די געלעגענהייט!
איצטער ווען די סקוהלס מאכען זיך צו פאר'ן זומער
זיינען מיר גרייט אייך צו לערנען דעם מאדערנעם סיסטעם פון דראפטינג, דרייפינג און אויך סקעטשינג, פון לײדיס, מיסעס און טשילדרענס גארמענטס. איהר זאלט קאנען פארדינען א סך געלט קומענדען פאל און ווינטער.
פריוואטער אונטערריכט פון פראקטישע עקספערטען.
קומט אדער שרייבט און מיר וועלען אייך איבערצייגען אין דעם, וואס דא ווערט פארגעשלאגען.
אפען אווענט פון 7 ביז 9. שבת נאכמיטאג פון 2 ביז 5.
די מאדערן פעשאן אקאדעמי
114 וועסט 44טע סטריט, רום 701
אנטקעגען דעם בעלאסקא טעאטער.

בארנעט ל. בעקער
אפטאמעטריסט און אפטישען
215 East Broadway — 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

פאטראנייזט אונזערע אדווערטייזער

פילע וויזשען אין דער „גערעכטיגקייט“. וואו איז די לאגיק און דער יושר פון אזא פאר־לאנג? אייערע טענות צום מענעדזשער פון אייער לאקאל קאנען זיין גאנץ גערעכטע, און, ווי אונז שיינט, זיינען דא פילע גוטע גרינדע פאר די טענות, אבער דאך די דיסקוסיאן וועגען דעם קאן ניט געפיהרט ווערען אויף די שפאלטען פון אונזער צייטונג. די דיסקוסיאן מוז געפיהרט ווערען אין דער יוניאן און נאך דער רעזולטאט פון אזא דיסקוסיאן קאן באריכטעט ווערען דורך דער צייטונג, אייער אפיל צו די מיטגלידער צו באזוכען די מיטינגען איז געוויס א גערעכטער, אבער שריי היינט, שריי מארגען, זיי קומען דאך ניט. און אט דאס איז דער אמת'ער קוואל פון אלע אזעלכע צרות, וועלכע איהר שילדערט אין אייער בריף. ווארים, ווי באלד די גרויסע צאהל מיטגלידער האלט ניט פאר נויטיג צו קומען צו די מיטינגען, און זעהן, אז אלעס זאל געטאן ווערען, ווי זיי ווילען און ווי זיי האלטען פאר נויטיג, איז עס דאך ניט מעהר, ווי נאטירליך, אז די עטליכע וועלכע קומען יא צו די מיטינגען, זאלען, ביי זיך פועל'ען, אז זיי זיינען די גאנצע יוניאן און טאן אלעס, ווי זיי געפעלט, אפילו, ווען עס האנדעלט זיך נאר אום פערזענליכע קאפריזען און חשבונות. דערפאר זיינען די אמת'ע שולדיגע די יעניגע, וועלכע פארנאכלעסיגען צו באזוכען די יוניאן־מיטינגען. און אזוי לאנג, ווי דאס וועט ניט אנדערש ווערען, זעהען מיר ניט איין, וואס קאנען העלפען אט די פארשיידענע טענות געגען די אדער יענע פערזאן, עס וועט בלייבען „בקול קורא במדבר“...

ב. גלאזמאן. — יע, זיין פאטער איז געווען א שניידער, און דער פארשטארבענער אליין האט אין זיינע יונגע יאהרען געקאנט האלטען א נאדעל־פאדעם אין האנט. זיין פאטער איז געווען איינער פון די נאבעלסטע מענשען, וועלכע מיר האבען געטראפען אין אונזער לעבען, און גענאסע זאלאטאראוו איז געווען זיין ווירדיגער זון. ער האט זיך מיט זיין טאטען, דעם שניידער, ניט נאר ניט געשעמט, נאר ער האט מיט איהם שטאלצירט. וואס אנבאטרעפט גענאסע זאלאטאראוו זעלבסט, האט ער זיינע בעסטע יאהרען, אזוי לאנג, ווי ער איז געווען געזונט, געווידמעט צו די אינטערעסען פון די ארבייטער. ער איז געווען איינער פון די ערשטע בויער פון דער ארבייטער באוועגונג.

אב. גאלדבערג. — מיר פארעפענטליכען אייער בריף, באטש דעם אמת געזאגט, זיינען מיר גאר זעהר וועניג נתפעל פון אייערע „ארגומענטען“. דער אמת איז, אז איהר האט געלייענט זעהר אויבערפלעכליך פינקעלשטיינס ארטיקלען איבער די שאפ קאמיטעס. ער איז געגען די שאפ קאמיטעס, ווי דאס פארלאנגען געוויסע מאנופעקטשורער, וועלכע זעהען אין די שאפ קאמיטעס א מיטעל, ווי פטור צו ווערען פון דער יוניאן. פינקעלשטיין האט אבער קיין ווארט ניט צו זאגען געגען קאמיטעס, וועלכע זאלען זיין אונטער דעם פאלשטענדיגען קאנטראל פון דער יוניאן. הייסט עס, אז באטש איהר פיהרט מיט איהם א גאנצע דעבאטע, זיינט איהר דאך מיט איהם איינפארשטאנען. דאן איז דא אן אנדער פראגע, א פראקטישע: צי וועט אזא קאמיטע קאנען פונקציאנירען, און אויב זי וועט ניט מוזען אויסוועהלען פון זיך איינעם, וועלכער זאל פארהאנדלען מיט דעם מאנופעקטשורער אין דעם נאמען פון דער קאמיטע. ווארים, איהר קאנט דאך פארשטעהן, אז עס וועט זיין אין פילע פעלע אוממעגליך פאר'ן באס צו פארהאנדלען מיט א גאנצער שאפ קאמיטע, יעדער איינער פון וועלכע וועט וועלען ווייזען, וואס פאר א טייערער רעדנער און מליץ יושר ער איז פאר די ארבייטער. דער סוף וועט זיין, אז עס וועט ווידער פונקציאנירען ניט די שאפ קאמיטע נאר דער שאפ טשערמאן, ווי דאס איז דער פאל איצט. טא צו וואס מאכען אזא געפילדער וועגען דעם?

היינטיגען שבת אווענט — היינטיגען שבת אווענט

איז די ערעפנונג פון דעם

ארץ ישראל באזאר

אין דער 71טער רעגימענט ארמארי, 34טע גאס און פארק עווענ׳ו

2 טעג און 3 נעכט 14טען, 15טען און 16טען מאי

אונזער פראגראם:

שבת אווענט 14טען מאי
7:30
ע ר ע פ ע נ ו נ ג

שבת אווענט
9:30
א גראנדיעזער באלל
ביז 4 אזייגער פארטאג
ביי דעם באלל וועלען זיין איינינע אויסערגעוועהנליכע פיטשורס וואס איז א נייעס אויף דער אידישער גאס

זונטאג, 15טען מאי
12 נאכמיטאג
ווידער־ערעפענונג פון׳ם באזאר

ז ו נ ט א ג
3 אזייגער בייטאג
קאנצערט און פארשטעלונגען
פון אידישע וואונדער קינדער
אויף אלע געביטען פון קונסט

זונטאג אווענט
פון 8 ביז 10
גרויסער גאלא קאנצערט
מיט ערשטע קלאסע ארטיסטען

זונטאג נאכט
פון 11 ביז 12
גרויסער באלעטען טאנץ
אלעקסעי אומאנסקי מיט זיין באלעט פון קעפיטאל טעאטער

מאנטאג 16טען מאי
12 נאכמיטאג
ווידער־ערעפענונג פון׳ם באזאר

מאנטאג בייטאג
פון 2 ביז 6
וואדעוויל ווארייעטי פון אלע גרעסטע אידישע פיטשורען

מאנטאג אווענט
קאנצערט פון אלע חזנים
פון ניו יארק

מאנטאג נאכט
פון 11 ביז פארטאג
קארניוואל און טאנץ
און אויספארקויף פון אלע זאכען

די ארטיסטען:
חזן מרדכי הערשמאן
פיאסטרא באריסאוו
פידעל־שפיעלער
יוסף טשערניאווסקי
טשעליסט
חזן בערעלע חגי
מרס. שמ״ר ראטענבערג
אלעקסאנדער אומאנסקי
טענצער
באלעט אנסאמבל
פון קעפיטאל טעאטער
סעמועל גאלדענבורג
לעבעדיעוו
זינא גאלדשטיין
סעמועל ראזענשטיין
ה. דזשייקאבסאן
פעני לובריצקי

קינדער ארטיסטען:
סעמי קרעמער
פידעל־שפיעלער
דזשעראם ראפאפארט
פיאניסט
מיס שניידער
10־יאהריגע באלעט־טענצערין
אלגא ברונאף
(און נאך אנדערע וואס וועלען שפעטער אנאנסירט ווערען)

מואווינג פיקטשור אקטריסעס:
פלארענס ריעד
מעי מאורעי
אלא נאזימאווא

גרויסע מציאות ביי דעם

באזאר

ביי דעם באזאר וועלען זיין 25 בוטהס אנגעפאקט מיט פארשיעדענע סחורות און מען וועט עס פארקויפען פאר האלבען פרייז

ארגאנזירט פון דעם

גרייטער ניו יארק געציינג קאמפיין קאמיטעט פאר ארץ ישראל

קאמבינײשאן טיקעט פאר אלע קאנצערטען און אונטערהאלטונגען — $1.25, אדער איינצעלנע טיקעטס פאר יערען אונטערהאלט באזונדער — 50 סענט.

טיקעטס צו באקומען אין פאלגענדע פלעצער:

מאנהעטען:
אפיס פון „צייט״, 158 איסט בראדוויי.
קאץ׳ס מיוזיק סטאר, 181 איסט בראדוויי.
מילינערי יוניאן לאקאל 24־43, 210 איסט 5טע סטריט.
ווייסט מייקערס יוניאן, לאקאל 25, 16 וו. 21טע סטריט.
פענסי לעדער גודס יוניאן, ביי מיסס קרימשאן.
וויקטאריע טעאטער סטודיא, 57 סעקאנד עוו.
גאטליב בוק סטאר, 176 סעקאנד עוועניו.
סאול בוירנס פאנאגראף סטאר, 111 סעקאנד עוועניו.

מעטרא מיוזיק סטאר, סעקאנד עוו. און 3טע סטריט.
קאמפערטאבל רעסטאראן, 61 סעקאנד עוו.
סאיזערס וועגעטאריאנער רעסטאראן, 25טע גאס און 6טע עוו.

בראנקס:
סמוירנס דזשועלרי סטאר, 1337 ווילקינס עוו.
ש. י. פאלקס־שולע, 1387 וואשינגטאן עוו.
א. קוואשא דראג סטאר, 1722 בעטגייט עוו.
ראזענבערג סמיטשנערי סטאר, 1164 יוניאן עוו.
פוירסט לויידיעס דעי נורסערי, 1389 פראנקלין עוו.

ברוקלין:
שולאף׳ס דראג סטאר, 182 מאנהעטען עוו.
ל. קאהן דזשועלרי סטאר, 44 גרעהעם עוו.
קענטאר׳ס דריי גודס סטאר, 166 מאנהעטען עוו.
א. פישעלמאנ׳ס דראג סטאר, 36 ריעד עוו.

בראנזוויל:
גינזבורג׳ס בוק סטאר, 1829 פיטקין עוו.
סלופצין דראג סטאר, מאטפארד.קאר. דומאנד
גאלדבערג׳ס דראג סטאר, פיטקין עוו. קאר. ראקאוויי.

Happiness For Every Home

SAUL BIRNS

DOWN TOWN	BRONX	WASH. HEIGHTS	BROOKLYN
111 סעקאנד עוו.	813 וועסטשעסטער	595 וו. 181טע סט.	1730 פיטקין עוו.
ניער 7טע סט.	ניער פראספעקט עוו. סטיישאן.	קאר. סט. ניקאלאס עוו. כאבוויי בילדינג	ניער אזבארן סטריט
פהאן: 8271 ארטשארד	פהאן: 3596 מעלראז	פהאן: 2655 וואדסווארטה	פהאן: גלענמאר 7894.

שבת זונטאג מאנטאג

א גרויסער סייל

אין אלע אונזערע 4 סטארס

פארלירט ניט דיזע געלעגענהייט! קומט אין איינע פון אונזערע פיער סטארס און קלייבט זיך אויס וועלכען מאדעל און צו וועלכען פרייז איהר ווילט נאר. איהר קענט הערען די

וויקטראלא, סאנארא, גראפאנאלא, פאטהע, מאדערנאלא, עאליען

און אנדערע מאשינען זייט ביי זייט און אורטיילט פאר זיך אליין. דיזע אינסטרומענטען זיינען געמאכט אין יעדען פיניש אדער קאליר צו צופאסען אייער פורניטשור. מיר וועלען עס אייך צושיקען אהיים, פאר זעהר לייכטע אבצאהלונגען.



SONORA. — $100.
$1 וועכענטליך

VICTROLA — $100.
$1 וועכענטליך

$1

בלויז א וואך



COLUMBIA — $85
$1 וועכענטליך



PATHE — $100.
$1. וועכענטליך

אנדערע סטיילס, פון $25 ביז $1,250

א סייל פון פיאנאס און פלייער פיאנאס וואס טויזענדע האבען פערלאנגט, מיט א פרייז וואס גיט א מעגליכקייט יעדען צו בעזיצען א. מוזיקאלישען אינסטרומענט.

דיזע פראכטפולע נייע

פלייער-פיאנא

$495

בלויז 3 דאלאר א וואך

דא האט איהר אן אויסערגעוועהנ־ליכע געלעגענהייט

א טשענס צו קויפען א פיאנא פון קוואליטי און סירוויס צו א גרויסער שפארונג פאר אייך!

דיזע פיאנאס, וואס שטע־לען מיט זיך פאר די פיינ־סטע אינסטרומענטס וואס זיינען ווען געמאכט גע־ווארען, סיי אין טאן, סיי אין קאבינעט — זיינען ספעציעל רעדוצירט גע־ווארען, און דער פאקט, וואס זיי ווערען פערקויפט אין סאול בוירנס סטארס גיט זיי א דאפעלטע גא־ראנטי — פון דעם מעי־קער און פון סאול בוירנס.

און אום צו מאכען מעג־ליך פאר כמעט יעדע פא־מיליע צו פערמאגען א פיאנא אויף פסח, וועלען מיר נעבען די ליבעראל־סטע בעדינגונגען.



דיזע נייע אפרייט

פיאנא

$275

בלויז 2 דאלאר א וואך

מיר טרויען אייך. קיינע גאראנטיעס און קיינע רעפערענס איז נויטיג

אונזערע סטארס זיינען אפען יעדען אבענד ביז 10 און זונטאג ביז 6 אוהר.

די אונטערהאלטונג פון די ווייסט און דרעסמאכער א גרויסער ערפאלג.

ארום פינף הונדערט מיטגליעדער פון די לאקאלס אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע זיינען געקומען לעצטען שבת אווענט אין וועיסטמאכער יוניטי סענטער צו דער אונטערהאלטונג וואס איז אנאנ־סירט געווען אין דער „גערעכטיגקייט". דאס איז געווים א גרויסער ערפאלג. א דערפרייענדע ערשיינונג.

א חוץ דעם מוזיקאלישען פראגראם, ווי עס איז אנאנסירט געווארען, איז אויך געוויזען געווארען סטערעאפטישע בילדער פון דער יוניטי הויז אין פארעסט פארק. שוועסטער דזשעני מייטעס האט דער־קלערט דעם עולם די בילדער און „וויוס", אין יעדעם בילד איז ענטוזיאסטיש בא־גריסט געווארען, ספעציעל פון די יעניגע, וועלכע זיינען נאך אין דער יוניטי הויז ניט געוועזען און האבען געזעהן די פראכט־פולע לאנדשאפטען צום ערשטען מאל.

נאכ'ן קאנצערט האט מען געטאנצט א טענצעל און אלע אנוועזענדע האבען זיך פיין אמוזירט.

דעזיינינג

פעטערן מייקינג
און
גריידינג

ווערט געלערענט סטריקט אינדיווידועל.

בייטאג און נאכט שטונדען.

אונזער מעטאדע פון לערנען איז ספעציעל צוגעפאסט פאר דער האלסייל ליין פון וואו־מענס, מיסעס, דזשוניארס, טשילדרענס און אינפאנטס גארמענטס.

זעהט אונז איידער איהר מאכט א מיסטייק.

ליעדינג קאלעדזש פון דעזיי־נינג און פעטערן מייקינג.

פראקטיקעל דעזיינער בילדינג.

פראפ. י. ראזענפעלד, דירעקטאר.

222 איסט 14טע סט., ניו יארק.
(צווישען 2טע און 3טע עווע.)

טעלעפאן: סטייוועסענט 5817.

NEW COURSES IN ENGLISH
at the
RAND SCHOOL
7 East 15th Street.

Elementary ....7.30—8.40
Miss Kruth

Intermediate ....8.40—10
Miss Kruth

Interm.-Advanced ....7.20—8.40
Mr. Berenberg

Advanced ....8.40—10
Mr. Berenberg

Every Monday, Wednesday and Thursday

New Classes Begin May 9th.

3 Months, $7.50; 1 Month, $3.00.

קויפט אויסשליסליך

קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

גערעפתי החזקתי ולא ארפנה (איוב, כ"ז, ו).
פון מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט פארלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך! און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. III. No. 21. New York, Friday, May 20, 1921. פרייטאג, דעם 20טען מאי, PRICE 3 CENTS

נאך א קאנפערענץ מיט דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן, 26טען מאי

דער לעצטער מיטינג פון דזשוינט באארד איז אדרעסירט געווארען פון אנגעזעהענע געסט.

ווען מיר האבען געשריבען די נייעס לעצטע וואך, ווענען דער לאגע אין דער קלאוק אינדוסטריע פון ניו יארק, איז די לופט געווען א שווערערע, ווי דעם מאל, בעת מיר שרייבען די שורות.

לעצטע וואך האט זיך געפיהלט, ווי דער הימעל פארציהט זיך מיט קריגערישע כמארעס... דער מאנופעקטשורערס צד האט זיך געהאט צוריקגעצויגען פון א קאנפערענץ מיט א טאג פריהער, איידער דער קאנפערענץ האט זיך געזאלט צוזאמענקומען, און עס האט געשיינט, אז די צוויי צדדים וועלען שוין אזוי גיך ביי א קאנפערענץ זיך ניט טרעפען. די מאנופעקטשורערס האבען דעמאלט גע'טענה'ט, דאס וויבאלד די פארטרעטער פון דער יוניאן ווילען גאר ניט ארונטערלאזען פון די איצטיגע סטענדערדס אין טרייד, טו איז מעהר ניטא וואס זיך ווידער צוזאמענצוקומען אויף א קאנפערענץ. ווארים די טענות פון דער יוניאן ווייסען זיי שוין פון די פריהערדיגע קאנפערענצען. די לאגע איז, אלזא, פארבליבען גאנץ אומבאשטימט.

היינט איז שוין די לאגע אביסעל קלארער. דינסטאג נאכמיטאג האט פרעזידענט שלעזינגער זיך געטראפען מיט מר. לואיס לוסטיג, דער טשערמאן פון דער עקזעקוטיוו באארד פון דער פראטעקטיוו אסס'ן און זיי האבען זיך איינגעפארשטענדיגט, דאס ביידע צדדים זאלען זיך ווידער טרעפען אויף א קאנפערענץ, וואו עס זאל געמאכט ווערען א לעצטער פארזוך, צו קומען צו א פארשטענדניס אויף א פרידליכען אופן. דער קאנפערענץ וועט אפגעהאלטען ווערען איבער-אכטאג דאנערשטאג, דעם 26טען מאי.

דער מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל, וואס ווערט איצט אפגעהאלטען אין סט. לואיס, איז די אורזאכע, ווארום דער קאנפערענץ איז פארשיבען געווארען אזש פאר דעם 26טען מאי.

פרעזידענט שלעזינגער האט זיך געטראפען מיט מר. לוסטיג דינסטאג ביי טאג. דעמאלט איז שוין אלעס געווען אראנזשירט פאר דעם מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, טאקע דעם זעלבינען פארנאכט זיינען אלע דעלעגאטען אפגעפאהרען צום מיטינג. דער

(שלוס אויף זייט 12).

א וויכטיגער פערטעל-יעהרליכער מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד

סעקרעטער אב. בארא' האט פארפערטיגט אן אינטערעסאנטען רעפארט.

דאנערשטאג אין דער פריה, דעם 19-טען מאי, האט זיך געעפענט דער פערטער פערטעל-יעהרליכער מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד. דער מיטינג ווערט אפגעהאלטען אין סט. לואיס, מיזורי סטייט, אין קלארידזש האטעל, 18-טע און לאקוו סטריט.

דער מיטינג איז אביסעל א פארשפעטיגטער. ער האט געדארפט זיין מיט עטליכע וואכען פריהער. צוליב געוויסע ערייגניסע, ווי א שטייגער די קאנפערענצען מיט דער „פראטעקטיוו אסס'ן" און אנדערע אורזאכען, האט דער מיטינג געמוזט אפגעלעגט ווערען.

דער מיטינג ווערט אפגעהאלטען אין א גאנץ ערנסטען מאמענט, אין א מאמענט, ווען אונזער יוניאן שטעהט פאר ערנסטע שטרייטען, און דער מיטינג האט צו באטראכטען גאנץ ערנסטע פראגען.

סעקרעטער בארא' האט פארפערטיגט צו דעם מיטינג א גאנץ אינטערעסאנטען רעפארט, וואו דיזע אלע פראגען ווערען אנגערירט, און וועלען נאכדעם דיסקוטירט ווערען אויף דעם מיטינג. אין דעם רעפארט איז דא א פולער באריכט פון דער פילזייטיגער ארגאניזאציאנס-ארבייט וואס ווערט פון אונזער אינטערנעשאנאל אנגעפיהרט אין ניו יארק און אין די ארומיגע שטעט.

דאן קומט די אינדזשאנקשאן-מגפה, די אלע קאורט-פארפאלגונגען פון דער לעצטער צייט, און נאך אזעלכע פראגען.

אויפ'ן טאגעס ארדענונג פון דעם מיטינג וועט אויך זיין די לעצטע פאסירונגען אין דער קלאוק אינדוסטריע פון ניו יארק. פרעזידענט שלעזינגער וועט געבען א פולען באריכט פון די אלע קאנפערענצען מיט

(שלוס אויף זייט 14).

די רעדזשיסטרירונג פאר די יוניטי הויז אין פארעסט פארק אין פולען גאנג

דער פלאץ עפענט זיך פרייטאג, 17טען דזשון. — א גרויסער קאנצערט שבת, דעם 18טען דזשון.

די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס אין ניו יארק, וואס ווילען פארברייננגען זייער וואקיישאן אין דער פראכטפולער יוניטי אימעניע פון אונזער ווייסט און דרעס מאכער יוניאן, האבען געפאלגט אונזער עצה, און זיי קומען מאסענווייז באצייטענס זיך רעדזשיסטרירען, פאר דער צייט וואס זיי ווילען אהין ארויספאהרען. פון מאנטאג אן קומען א סך מיטגלידער מיטאג צייט, נאך דער ארבייט, און אויך אין מיטען טאג, אויסגעפינען איינצעלהייטען, ווען זיי קאנען פאהרען אויף זייער וואקיישאן. דאס איז אן ערשיינונג וואס פאסירט צום ערשטען מאל. דאס איז צום ערשטען מאל וואס די מיטגלידער קומען זיך רעדזשיסטרירען פיער וואכען איידער דער פלאץ מאכט זיך אויף. און די וואס טוען דאס, וועלען געוויס קיין חרטה ניט האבען, די וואס קומען פריהער זיך רעדזשיסטרירען וועלען זיין זיכער מיט זייערע צימערען און מיט אלץ מיט אנאנדער.

דער פלאץ וועט געעפענט ווערען פרייטאג, דעם 17טען דזשון. שבת, דעם 18-טען דזשון, וועט געגעבען ווערען א שעהנער קאנצערט מיט אן אונטערהאלטונג. אין קאנצערט וועלען זיך באטייליגען ערשטע קלאסע קאנצערטיסטען פון ניו יארק, וואס וועלען ספעציעל קומען אהין. איינעם פון די קאנצערטיסטען קאנען מיר שוין פארעפענטליכען, דאס איז דער באוואוסטער פידעל שפילער מארים ניטקע. עס וועלען זיין אויך באריהמטע זינגער און דראמאטישע טאלענטען, אבער ווענען יענע שפעטער.

א נייעס וועט דעם יאהר זיין, וואס דער פלאץ וועט האבען אייגענע היהנער, טאקע לעבעדיגע, פאר'ן געברויך פון פלאץ. די יוניטי הויז קאמיטע האלט איצט אויך אין אונטערהאנדלען צו האבען אייגענע קיה, מען זאל ניט דארפען קויפען מילך פון פרעמדע, און מען זאל זיכער זיין אז די מילך איז פריש.

אלזא, רעדזשיסטרירט זיך באלד, און ברייננט מיט אייער יוניאן-בוך ווען איהר נעהמט זיך רעדזשיסטרירען. [illegible] 16 וועסט [illegible]

א „הירינג" אין קאורט וועגען נייעם אינדזשאנקשאן קעגען אונזער אינטערנעשאנאל

ווי מיר האבען שוין געמעלדעט לעצטע וואך אין דער „גערעכטיגקייט" האט אונזער אינטערנעשאנאל צוגעקראגען, א חוץ די געוועהנליכע אינדזשאנקשאנס פון א גאנץ יאהר, אן אינדזשאנקשאן פון א נייעם סארט, פון א קלאוק-פירמע אזש פון טאלידא, אהייא. אין דער אנקלאגע ווערט אונזער יוניאן באצייכענט אלס א „קאנספיראטיווע ארגאניזאציע", אלס א יוניאן וואס „וויל זיך ניט רעכענען מיט די געזעצען פון לאנד", וואס איז אויסען צו פארניכטען די איצטיגע ארדנונג און איינפיהרען אין אמעריקא „באלשעוויזם".

דעם דאנערשטאג, דעם 19טען מאי וועט זיין א „הירינג" ווענען דעם אין סופרים קאורט, פאר ריכטער מאקעווא. דער ריכטער האט יענער פירמע פון טאלידא לעצטע וואך ארויסגעגעבען א דערווייליגען אינדזשאנקשאן קעגען אונזער יוניאן [illegible] יענער דערווייליגער אינדזשאנקשאן זאל ניט געמאכט ווערען „פערמאנענט", דאס הייסט, באשטענדיג. מארים הילקוויט און מארים ראטענבערג וועלען אויפטרעטען אין קאורט פאר אונזער יוניאן. דער לאיער פאר דער פירמע איז וואלטער גארדאן מעריטה, דער וואס האט געפיהרט די באוואוסטע „דענבורי קיים" קעגען דער העטערס יוניאן. דער זעלבינער לאיער האט אויך געפיהרט די „הופלעקס-מאשין קיים" קעגען דער מאשיניסטען יוניאן.

מיר האבען שוין לעצטע וואך אנגעוויזען, אז די קיים איז ארויסגעוואקסען פון דעם קלאוקמאכער סטרייק אין טאלידא, קעגען דער פירמע קאהען, פרידלאנדער און מארטין. די פירמע טענה'ט אז אין טאלידא האט זי ארויסגעגעבען דעם שאפ און האט געוואלט ווערען א „בזשאבער" אין ניו יארק, און זי באקלאגט זיך,

(שלוס אויף זייט 15).

וואהלען אין לאקאל 25, דאנערשטאג 26טען מאי

איבערמארגען דאנערשטאג, דעם 26טען מאי, וועלען זיין די וואהלען אין דער וויסטמאכער יוניאן, לאקאל 25. די וואהלען זיינען פאר אן עקזעקוטיוו באארד און לאקאל בעאמטע פאר לאקאל 25, און בלויז וויסטמאכער וועלען קאנען שטימען. די דרעסמאכער דארפען זיך רעדזשיסטרירען אין דעם דרעסמאכער לאקאל 22 און זיי וועלען קאנען שטימען אין די וואהלען פון יענעם לאקאל, וואס וועלען קירצליך אפגעהאלטען ווערען.

די וואהלען אין לאק. 25 וועלען פארקומען דורך א באלאט און מען וועט קאנען שטימען דאנערשטאג דעם גאנצען טאג, אין פארשיידענע טיילען פון שטאדט, כדי די גרויסע צאהל וויסטמאכער זאל זיך קאנען באטייליגען אין די וואהלען; כדי זיי זאלען קאנען קומען שטימען. עס איז א „סיקרעט באלאט" און די מיטגלידער וועלען האבען די פולע געלעגענהייט צו שטימען פאר קאנדידאטען, וועלכע ווענען זיי אמבעסטען געפעלען. זאל טאקע די גרויסע צאהל מעמבערס פון דער יוניאן קומען שטימען, און שטימען זאלען זיי פאר די בעסטע און פעהיגסטע מענשען, וואס געפינען זיך אויפ'ן באלאט.

שטימען וועט מען קאנען אין די פאלגענדע פלעצער:

1. אין הויפט אפיס פון דער יוניאן, אין 16 וועסט 21טע סטריט.
2. אין דאון-טאון אפיס פון דער יוניאן, 129 ספרינג סטריט.
3. אין בראנזוויל אפיס פון דער יוניאן, 229 סעקמאן סטריט.
4. אין ברוקלין אפיס פון דער יוניאן, 60 גרעהעם עוועניו.
5. אין הארלעם אפיס פון דער יוניאן, 165 איסט 121טע סטריט.
6. אין בראנקס אפיס פון יונזער יוניאן, 1258 באסטאן ראוד.

אין די אלע אפיסעס וועט מען קאנען שטימען פון 9 אין דער פריה, ביז 7 פארנאכט.

מען וועט אויך קאנען שטימען אין צוויי פאבליק סקולס. אין דער פאבליק סקול, וואס געפינט זיך אין 314 איסט 20טע סט. און דער פאבליק סקול פון 225 וועסט 24טע סטריט. אין די צוויי סקולס וועט מען קאנען שטימען פון 5 נאכמיטאג ביז 7 אוהר פארנאכט.

אלע, וואס נעהמען שטימען, מוזען אומבאדינגט האבען מיט זיך דעם יוניאן ביכעל. אהן א ביכעל וועט קיינער ניט קאנען שטימען.

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 21

זייט 2. די וואך — מאקס ד. דעניש. — א רעפארט פון עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 22 — ס. סאנדלער.
זייט 3. דער אינדעפענדענט דעפארטמענט — דזשוליוס האכמאן.
זייט 4. די אויפקלערונג און בילדונג ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל — פאניא מ. קאהן. — דער ערשטער מאנאט מיט'ן דזשוינט באארד אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע — דזש. האלפערין.
זייט 5. דער מיטינג פון דזשוינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער. — אין דער ווייטגודס ווארקערס יוניאן לאקאל 62 — ס. גרעקין. — א וויכטיגער מיטינג פון לאקאל 45.
זייט 6. פרייד און ארגאניזאציאנס פראגען. ווייטערע קוויטירונגען פאר די אמאלגאמייטעד סטרייקער.
זייט 7. די נאדעל-ארבייטער אין באמעריקא — עליזאבעטה פריעמאן.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 9. מעהר דרך ארץ — הלל ראגאף.
זייט 10. דער סטרייק פון די שיף-ארבייטער און די אדמיניסטראציע אין וואשינגטאן — ה. לאנג. פועם (ערצעהלונג) — ב. גלאזמאן.
זייט 11. דער סוף פונ'ם ארבייטער קאנגרעס אין איטאליע — אירא וו. בווירד. לידער פון לעבען — [illegible]
זייט 12. [illegible]

לעזט די ווירקליכע פאַקטען וועגען די אידישע ארבייטער. וואס זיינען אנגע־שטעלט ביי די פּ. לאַרילאַרד קאמפּאַני, ווי עס איז אויסגעפונען געוואָרען פון א קאמיטע צוזאמענגעשטעלט פון פראָמינענטע און איינפלוסרייכע אידען.

צו דעם פובליקום.

דער קלאנג וואס ווערט פארשפרייט איבער געוויסע טיילען פון שטאָדט, אז מיר האָבען געמאכט אן אויסנאהם צום שלעכטען געגען אונזערע אידישע אָנגעשטעלטע איז א געמיינער ליגען און גראדע דאָס געגענטייל פון די פאקטען.

א קאָמיטע פון אידישע פאָרשטעהער האָט באזוכט אונזער פלענט און האָט געמאכט א גענויע אונטערזוכונג, און עס פריידט אונז פארצובריינגען דעם רעזולטאַט פון דעם וואס זיי האָבען אויסגעפונען.

פּ. לאַרילאַרד קאָמפּאַני

Thomas J. Maloney

פרעזידענט.

מאַנופעקטשורערס פון **מוראדס**, **העלמארס** און פיעלע. אַנדערע קוואַליטי ברענדס פון סיגארעטס, קליינע סיגארען און טאבאקס.

5טען מאי, 1921.

פּ. לארילארד קאָמפּאַני,

119 וועסט 40טע סט., נ. י. ס.

ווערטהע הערען:

א קלאנג האָט זיך פארשפרייט וואס באצוועקט צו מאכען דעם איינדרוקיאז אייער קאָמפּאַני האָט ענטזאגט פיעלע אָנגעשטעלטע פיר קיין אנדער אורזאַכע ווי נאר דערפאר וואס זיי זיינען אידען.

מיר, די אונטערצייכענטע, האָבען היינט באזוכט אייער פעקטאָרי אין 1326 עווענױ „איי", וואו מען האָט אונז ער־לויבט צו מאכען אן אונטערזוכונג אויף אונזער אייגענעם וועג, ווי מיר האָבען געוואָלט, אָהן אירגענד וועלכע שטערונגען פון דער מענעדזשמענט.

מיר האָבען גערעדט מיט פיעלע פון אייערע אָנגעשטעלטע, מיר האָבען עקזאמינירט די רעקארדס און אונזער אונ־טערזוכונג איז געווען א פאָלקאָמענע און א פלייסיגע. עס פריידט אונז אייך צו איבערגעבען פאלגענדען רעפּאָרט.

די באהויפּטונג, אז די פּ. לאָרילארד קאָמפּאַני האָבען ווען עס איז ענטזאגט אירגענד וועלכען ארבייטער איבער זייער ראסע אדער רעליגיאן איז א געמיינע פאלשקייט און אבסאלוט אָהן אירגענד וועלכען גרונד אָדער פאקט. אין דער פעקטאָרי וועלכע מיר האָבען באזוכט האָבען מיר געפונען אז אַ גרויסער פראצענט פון די ארבייטער זיינען אידען. זיי זיינען געווען פרעהליך און צופרידען מיט זייער ארבייט און אלע האָבען אליין שטאַרק פארדאמט דעם געמיינעם ליגען וואָס איז פארשפרייט געוואָרען אָהן א פאַרוואָס. אין געגענטייל, איין ארבייטער נאָכ'ן צווייטען, מיט וועלכע מיר האָ־בען גערעדט, האָבען זיי אלע גערעדט מיט'ן העכסטען רעספעקט און האָבען שטאַרק געלויבט די העפליכקייט וואס מען ציינט זיי, און זיי האָבען פאַלשטענדיג אָפּגעלייקענט דעם קלאנג אז די ווילדע חיה פון ראסען פאָראורטייל האָט ווען עס איז אויפגעהויבען איהר קאָפּ אין דיזער פעקטאָרי.

מיר ערקלעהרען אז די אַרבייטס אומשטענדען אונטער וועלכע אונזערע גלויבענס ברידער ארבייטען זיינען אין קיין וועג ניט אַנדערש ווי די אומשטענדען פון די אנדערע ארבייטער אין דער פּעקטאָרי. און מיר לייקענען פאלשטענדיג אָפּ אירגענד וועלכע באהויפּטונג אז די פּ. לאָרילארד קאָמפּאַני האָט ענטזאגט ארבייטער דערפאר וואס זיי זיינען אידען. עס איז א געמיינער ליגען און געגען די ריכטיגע פאקטען.

נאָך מעהר, מיר בעטען יעדען איינעם וואס האָט אירגענד וועלכע פאקטען צו באווייזען, אז ס'איז אנדערש ווי מיר האָבען אויסגעפונען, זאלען זיי עס צושיקען ענטוועדער צו מר. סעמועל דאָרף, גרענדמייסטער פון אָרדען ברית אברהם, אדער צו ראַבי הערבערט ס. גאָלדשטיין, פון אינסטיטושאָנאל סינאגאָג, אדער צו מר. מאקס ל. האָלענדער, גרענד סעק־רעטערי אינדעפענדענט אָרדער ברית אברהם.

ברגשי כבוד,

אונטערצייכענט

סעמויעל דאָרף,
גרענד מאסטער אָרדער ברית אברהם.

ראביי הוירבערט ס. גאָלדשטיין,
רבי פון אינסטיטושאנאל סינאגאָג.

מאַקס ל. האָלאַנדער,
גרענד סעקרעטער אינדעפענדענט א. ב. א.

רמ"ז מרגליות,
רב פון קאָנגרעגיישאן קהלת ישורין.

האַרי ב. מענדעלסאָן,
אמעריקאנער פרוכט פלאנצערס פון פאלעסטינא.

רב צלאל ראָזען,
רב פון ערשטער רומענישער קאָנגרעגיישאָן.

לעאָן קאמייקי,
טשערמאן פון סענטראל רעליעף קאָמיטע

הערמאַן בערנשטיין,
זשורנאליסט.

וו. דזש. סאלאמאָן,
פּאָבלישער פון היברו סטענדארד.

צ. עהרענרייך,
סעקרעטער פון די פועלי ציון פאַב. קאָ.